NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02167

FETER SIMKHES SHPASERAYEN

Litman Geltman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליטמאן

פעטער סימכעס שפאסערייען

קינדער מייסעס

ארויסגעגעבן פון מעכאבער

בוענאס איירעס 1936

Printed in Argentine

SCHPASERAEN FUN FETER SIMJE

(Bromas del tío Simje)

CUENTOS INFANTILES

Por LITMAN

BUENOS AIRES 1 9 3 6

Talleres Gráficos "Cultura" — Sarmiento 2157, Buenos Aires.

פעטער סימכעס שפּאַסערייען

מיין פעטער סימכע האָט מיך ליב. מיין פעטער סימכע ברענגט מיר אַלעמאָל שפּילעכלעך און נאַשוואַרג און ער שטיפט מיט מיר, דערציילט מיר מייסעלעך און לערנט מיך אויס לידעלעך.

איך, האָב דעם פעטער סימכען אויך ליב. אַז ער קומט, ווערט מיר פרייליך און איך וויל דאַמאָלסט נאָר טאַנצן, לויפן, שפּרינגען און שרייען, גלאַט אַזוי שרייען און קוויטשען פון פרייד.

נעכטן, איז דער פעטער סימכע בא אונז געווען און מיך גענומען אַ „שעפּס" און אומגעלאָפן מיך פאַרקויפן, שרייענדיק:

— ווער קויפט אַ זעקל מעל?!

— ווי טייער? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— אַ דרייער — האָט דער פעטער סימכע געזאָגט.

— ווי מעקעך?

— אַ שטיק לעקעך.

— ווי שאַיך?..

— אין הינטן אַ פּאַטש...

די מאַמע וויל געבן אַ פּאַטש, אָבער פעטער סימכע לאָזט נישט, ער לויפט אַוועק מיט מיר אַף די פּלייצעס און זאָגט:

— נישט בא סימכען! איך לאָז מיין אינגעלע נישט פּאַטשן.

דערנאָך האָט פעטער סימכע מיך גענומען אַפן שויס און אָנגעהויבן ציילן מיינע פינגערלעך.

— נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי, נישט פיר, נישט פינף.
און באלד געפרעגט:

— שאַ! אינגעלע, דו ווייסט כאָטש וויפל פינגערלעך דו האָסט?

— אוואדע, זאָג איך, ווייס איך, איך האָב פינף פינגערלעך אין יעדער האנט.

— גוט, אָבער פארוואָס האָסטו נאָר פינף פינגערלעך אין א האנט, ווייסטו אויך?

איך קלער און זאָג:

— אלע מענטשן האָבן פינף פינגער אין א האנט.

פעטער סימכע צעלאכט זיך.

— ווער האָט עס דיר געזאָגט, נאַרעלע? דו האָסט פינף פינגער אין א האנט, ווייל דו ביזט אלט פינף יאָר, און אז דו וועסט אלט זיין זעקס יאָר, וועסטו האָבן זעקס פינגערלעך אין יעדער האנט; און אז דו וועסט אלט זיין צען יאָר, וועסטו האָבן צו צען פינגער אין יעדער האנט.

איך לאך. איך ווייס, אז פעטער סימכע מאכט זיך א געלעכטער און נעם און צייל איבער זיינע פינגער אין דער האנט און זאָג:

— דו, פעטער, האָסט דאָך אויך פינף פינגער אין א האנט און דער טאטע אויך, די מאמע אויך!

— דאָס איז דערפאר, זאָגט ער, וואָס איך און דער טאטע און די מאמע זיינען אויך נישט אלט מער ווי פינף יאָר.

איך האָב אזוי געלאכט, אז די מאמע איז אזש צוגעלאפן א דערשראָקענע.

— וואָס איז, אזוי לאכט מען?

איך האָב איר דערציילט וואָס דער פעטער האָט געזאָגט, און זי האָט אויך געלאכט. אָבער פעטער סימכע האָט נישט געלאכט, ער האָט געמאכט זייער אן ערנסט פּאָנעם און געזאָגט:

— וואָס, גלויבסט נישט, אז איך און די מאמע זיינען אלט פינף יאָר?

— אוואדע, זאָג איך, גלויב איך נישט.

— אויב אזוי, פאַרוואָס זאָג איך דיר: פּאַטש איין א „פינפטל“, האָ? ווייל דו ביזט אלט פינף יאָר און האָסט פינף פינגער. אז דו וועסט אלט זיין זעקס יאָר, וועסטו האָבן זעקס פינגער און איך וועל דיר דעמאָלסט זאָגן: פּאַטש איין א „זעקסטל“.

מיין פעטער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער עס איז אָנגעקומען מיין כאַווערל לייזער דער רויטער און ער האָט א זאָג געטון:

— שאַ! דו ווייסט פאַרוואָס לייזערל האָט רויטע האָר.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער קעמט זיך מיט א רויט קעמל.

— און פאַרוואָס האָב איך שוואַרצע האָר?

— ווייל דו קעמסט זיך מיט א שוואַרץ קעמל.

— און די אלטע מענטשן וואָס האָבן ווייסע האָר קעמען זיך מיט א ווייס קעמל?

— אוואדע — זאָגט פעטער סימכע און מאַכט באַלד אפן אָרט א לידעלע:

— האָר שוואַרצע,
האָר רויטע,
יינגעלע קלוגער,
יינגעלע שוימע:
א געלעכטערל אהין,
א געלעכטערל אהער,
לאַך־זשע, מיין יינגעלע,
לאַך־זשע וואָס מער.

פעטער סימכעס דיריזשיבלען

נעכטן איז בא אונדז געווען פעטער סימכע און ער האָט מיר געבראכט אסאך קאראמעלעס און געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, יינגעלע, דו ווייסט כאָטש וואו איך האָב די קאראמעלעס גענומען?

— אוואדע — זאָג איך — ווייס איך. דו האָסט זיי געקויפט אין א קראָם.

צעלאכט זיך פעטער סימכע.

— מעשוגע מיינע סאָנים! וואָס הייסט, איך וועל גיין קויפן אין א קראָם קאראמעלעס און אויסגעבן געלט?

— וואו זשע האָסטו זיי גענומען?

— אף פלאסע אָנסע. איך בין דאָרטן פארבייגעגאנגען און געזען א בוים מיט קאראמעלעס, האָב איך אָנגעריסן אביסל.

לאך איך.

— נארסט מיך אָפּ, פעטער, קאראמעלעס וואקסן אף א בוים?

— וואו דען וואקסן קאראמעלעס, אף א הענגלאָמפּ? צי אף א לאמטערנע-סלופּ?

— קאראמעלעס מאכט מען אין א פאבריק.

פעטער סימכע האָט זיך אזוי צעלאכט, אז אלע אין שטוב זיינען זיך צעגויפגעלאָפן און ער האָט אלעמען דערציילט:

— הערט נאָר, וואָס דאָס נאריש יינגעלע זאָגט: קאראמעלעס מאכט מען אין א פאבריק!.. ער וועט שוין באלד זאָגן, אז גענדז און קאטשקעס מאכט מען אויך אין א פאבריק.

— איך בין שוין — זאָג איך — אסאך מאָל געווען אף פלאסא אָנסע און נאָך קיינמאָל דאָרט נישט געזען קיין בוים מיט קארא-מעלעס.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס די קאַראַמעלעס וואַקסן נאָר באַנאַכט, ווען קיינער זעט נישט... א כוץ דעם, דאַרפסטו וויסן, אַז פלאַסע אָנסע איז דאָך מיין פלאַסע און קיינער טאָר דאָרטן נישט רייסן קיין קאַראַמעלעס א כוץ מיר.

— וואָס הייסט, דיין פלאַסע?

— דו ווייסט נישט? אַלע פלאַסעס און פּאַרקן אין שטאָט זיינען דאָך מיינע, אַפילע דער וואַלד אין פּאַלערמאָ איז דאָך אויך מיינער, נאָר אַזוי ווי איך האָב אים נישט וואו צו האַלטן, האָב איך אים דאָרטן אַוועקגעשטעלט. אָבער לאָמיך נאָר קריגן א גרעסערע דירע, וועסטו זען, ווי איך וועל אַלע פלאַסעס און גערטנער נישט לאָזן שטיין אפן גאַס, אַז איר זאָלט מיר דאָרטן צעטרעטן דאָס גראָז.

פעטער סימכע האָט מיר נאָך געוואָלט עפּעס דערציילן, אָבער מיר האָבן דערהערט א גערויש און ארוים אפן הויף וואו מיר האָבן געזען פליען אַן עראָפּלאַן.

— דו זעסט דעם עראָפּלאַן, הא? — האָט פעטער סימכע געזאָגט — דאָס איז מיין עראָפּלאַן, איך האָב אים ארויפגעשיקט אין דער הויך צו צעטרייבן די וואָלקנס אין הימל.

— פעטער — פרעג איך — האָסט אַן אייגענעם עראָפּלאַן?

— איין עראָפּלאַן! — איך האָב אַסאַך עראָפּלאַנען!

— טאַקע?

— און דיריזשיבלען האָב איך אויך.

צעלאַך איך זיך.

— א דיריזשיבל איז דאָך גרעסער ווי א שטוב, וואו זשע האַלסטו אים?

— אַוודע — זאָגט ער — איז א דיריזשיבל גרעסער ווי א שטוב און איך האַלט זיי דעריבער אַלע באַ מיר אונטערן בעט.

— א דיריזשיבל קען ארונטער אונטער א בעט?

— ניין, ער קען טאַקע נישט ארונטער אונטערן בעט און דערפאַר טאַקע האָב איך זיי געמוזט אַלע אפּירנעמען און ארייַנלייגן אין וועסטל קעשענע.

פעטער סימכע צעשפּיליעט זיך. אַט זאָגט ער, נעמט ער אַרויס אַ דירייזשיבל און ווייזט מיר, אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט זיי אין אַן אַנדער וועסטל-קעשענע.

איך לאַך, דער טאַטע און די מאַמע אויך, אָבער פעטער סימכען פאַרדריסט עס:

— אויב איר גלויבט מיר נישט, — זאָגט ער — גיי איך שוין און ברענג אַ דירייזשיבל.

אָבער באַלד בלייבט ער שטיין.

— זע נאַר, זע, איך האָב פאַרגעסן, איך האָב דאָך אַלע מיינע דירייזשיבלען צובאָרגט.

— וועמען האָסטו זיי צעבאָרגט?

— נעכטן, איז געווען בא מיר צוגאַסט דער ענגלישער מיילעך, האָט ער נישט געהאַט קיין צען סענט אָפּן טראַמוויי אַהיימצופאָרן, האָב איך אים געבאָרגט מיין דירייזשיבל.

— און וועמען האָסטו געבאָרגט די איבעריקע דירייזשיבלען? זאָגסט דאָך, אַז דו האָסט אַסאַך דירייזשיבלען?

— אַ צווייטן דירייזשיבל, ווידער, האָב איך אוועקגעליגן מיינער אַ שכיינע, וואָס האָט געדאַרפט צופאָרן אין מערקאַדע עפּעס איינ-קויפן און זי האָט אים מיר נאָך נישט אָפּגעבראַכט.

— און אַ דריטן דירייזשיבל?

פעטער סימכע טוט זיך אַ רייב באַם שטערן.

— שאַ וועמען האָב איך געבאָרגט דעם דריטן דירייזשיבל? זע נאַר, זע, ווי איך האָב שוין פאַרגעסן...

און פעטער סימכע האָט מיר פאַרזיכערט, אַז שפּעטער, ווען ער וועט זיך דערמאָנען, וועמען ער האָט געבאָרגט דעם דריטן דירייזשיבל, וועט ער מיר שוין צו וויסן טון דורך אַ טעלעגראַמע.

די לעוואָנע האָט פאַרבלאָנדזשעט

געקומען איז איינמאָל פעטער סימכע א בייזער, א כמורנער און א טרויעריקער און זיך אוועקגעזעצט שווייגנדיק אין א ווינקל און געקוקט אפן סופים.

— וואָס איז געשען, פעטער? — פרעג איך אים.

— גאָרנישט.

— וואו איז דער גוט אָוונט?

— איך האָב אים פאַרלאָרן אפן וועג.

— אָבער וואָס ביזטו אזוי טרויעריק?

פעטער סימכע ענטפערט נישט.

קריך איך ארויף צו אים אפן שויס, רייס אים פאר די לאָצן, ער זאָל מיר זאָגן, וואָס ער איז אזוי בייז, שטופט ער מיך אוועק.

— גיי, איך בין ברויגעז מיט דיר.

— אָבער פאַרוואָס?

— דו האָסט מיך אָפּגענארט — זאָגט ער.

— מיט וואָס?

— דו האָסט מיר געזאָגט, אז דו הייסט שלוימעלע און צום סאָף ווער איך געוואויר, אז אן אנדער יינגעלע הייסט גאָר שלוימעלע.

צעלאַך איך זיך און זאָג:

— וואָס רעדסטו, פעטער, אוואדע הייס איך שלוימעלע, פרעג מיין טאטן, מיין מאמען.

— אָבער קיין צוויי שלוימעלעך קענען דאָך נישט זיין.

און באַלד הויבט אָן מיין פעטער שמייכלען און זאָגט:

— שאַ, עפשער האָט מיר אמאָל יענץ יינגעלע אָפּגענארט און ער הייסט גאָרנישט שלוימעלע?

פעטער סימכע שטרעקט מיר אוים דעם מינדסטן פינגער און זאָגט:

— כאווער, פאווער, נאָדל, טעשל, וואָס ווילסטו, בלוט צי בלעך?

— בלוט.

— לאָמיר ביידע זיין גוט.

און דער פעטער סימכע הויבט זיך אָן שפּילן מיט מיר און זאָגט:

— איך וועל שוין יענץ יינגעלע ווייזן מיך אָפּצונארן, אז איך וועל אים פּאקן, ווארף איך אים א צען שטאָקיקן מויער אין קאָפּ אריין.

— פעטער, זאָג איך, דערצייל מיר עפּעס א מייסעלע.

— וואָסער מייסעלע? — בייזערט ער זיך, — אזא יינגעלע וואָלט שוין מעגן דעם פעטער דערציילן א מייסעלע.

אָבער באלד טוט ער זיך א רייב דעם שטערן און צעלאכט זיך.

— זע נאָר, זע! איך האָב גאָר פארגעסן צוליב וואָס איך בין געקומען אהער.

און פעטער סימכע נעמט מיך אָן פארן האנט און פירט מיך ארוים אין הויף.

— זעסט די לעוואָנע?

— איך זע.

— זיי ווייסן, אז ווען נישט איך, איז אוים לעוואָנע.

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין, אז ווען נישט איך, וואָלסטו אָנגעקוקט די לע־וואָנע פונקט ווי דו קוקסט אָן דיינע אויערן.

— וואָס איז געשען מיט איר?

— זי האָט דאָך פארבלאָנדזשעט און נים געוואוסט ווי אהיים־צוגיין.

און דער פעטער סימכע נעמט און דערציילט מיר אזא מייסע:

— איך גיי פריער שפּאצירן ווייט, וויַיט אין רויזן־גאָרטן, אין פּאלערמאָ, טו איך א קוק, די לעוואָנע איז דאָ! בלייב איך שטיין א פארוואונדערטער: וואָס טוסטו דאָ, הא? — פרעג איך איר. — איך

האָב פאַרבלאָנדזשעט, זאָגט זי מיר און ווייס נישט ווי אהיימצוגיין. און אנדערער אף מיין אָרט, וואָלט איר געלאָזט בלאָנדזשען און גע־זאָגט: גוט אזוי, זאָל א לעוואָנע נישט אַרומקריכן באַנאַכט אין די גאַסן, האָב איך זיך אָבער דערמאַנט אין דיר, מיין טייער יינגעלע און געטראַכט, אַז דו וועסט אַרויסגיין און נישט טרעפן די לעוואָנע אפן גאַס, וועסטו, מיסטאַמע, זי לויפן זוכן און נאָך אויך פאַר־בלאָנדזשעט ווערן, האָב איך גענומען און צוגעבונדן צו דער לע־וואָנע א שטריקל און זי אָפּגעפירט צוריק צו דיר אהיים.

און דער פּעטער סימכע האָט א קוק געטון אף דער לעוואָנע און איר א סטראַשע געטון מיט א פינגער:

— געדענק, לעוואָנע, נאָכאַמאָל אַז דו וועסט פאַרבלאָנדזשען, וועל איך דיך נישט אהיימפירן.

איך האָב דערנאָך געפרעגט מיין טאַטן צי עס איז עמעס, אַז א לעוואָנע קען פאַרבלאָנדזשען, האָט ער געלאַכט און געזאָגט:

— אַזעלכע זאַכן קענען נאָר איינפאַלן דעם פּעטער סימכע.

צוגעגאַנוועט דעם טייך

קומט צוגיין פּעטער סימכע און זאָגט, אַז ער וויל ערגעץ מיט מיר שפּאַצירן נאָר ער ווייסט נישט וואוהין. זאָג איך אים:

— לאָמיר גיין אין זאָאָלאָגישן גאָרטן.

— אהין — זאָגט ער — גיי איך נישט.

— פאַרוואָס?

— איך בין ברויגעז מיטן לייב.

— וואָס האָט ער דיר געטון פאר א שלעכטס?

— איך בין דאָרטן אנומעלט געווען און אים געזאָגט: „גוט מאָרגן”, האָט ער מיר נישט געענטפערט.

— וועלן מיר גיין זען דעם בער.

— מיטן בער בין איך אויך ברויגעז. הער א האָזע! איך פרעג אים גאנץ פריינטלעך וואָס ער מאכט, ענטפערט ער מיר נישט ווי א מענטש, נאָר וואָיעט: בו־ו־ו. זאָג איך אים: וואָס בועסטו, איך פרעג דאָך וואָס דו מאכסט? און ער ווידער דאָס זעלבע: בו און בו...

— וועלן מיר זען דעם העלפאנט.

— אים, קען איך גאָרנישט אָנקוקן, ער איז צופיל גרויסהאלטער. איך באגרים אים, דרייט ער אוועק דעם קאָפּ און ענטפערט מיר נישט.

— וועלן מיר זען די מאלפּעס, די פייגל.

— ניין. זיי זיינען אלע שלעכט דערצויגענע.

— וועלן מיר גיין שפּאצירן צו דער פלאזשע.

— וואָס ווערסטו דאָרט זען?

— דעם לא פּלאטא טייך.

— נארעלע! מיטוואָך איז ער דען דאָ אינדערהיים?

— וואו דען איז ער?

— מיטוואָך איז דער טייך פארנומען.

— דו מאכסט כויזעק.

— זאָל דעם אָנוואקסן א כויזעק אף דער נאָז, ווער עס מאכט כויזעק.

אין א ווײַלע ארום טוט זיך פעטער סימכע א קלאפּ אין שטערן און זאָגט:

— זע נאָר, זע, איך האָב דיר גאָר פארגעסן צו דערציילן.

— וואָס?

— די מייסע וואָס איז געשען מיט אונדזער טייך.

— וואָסער מייסע?

— וואָס, דו האָסט נישט געהערט, וואָס עס איז געשען מיטן טייך? מען האָט דאָך אים צוגעגאנוועט!...

— ווער?

— צוויי יינגעלעך האָבן אָנגענומען פולע קעשענעס וואסער און אוועק אהיים.

איך לאַך און וויל נישט גלויבן, אָבער פעטער סימכע פאַרזי־כערט, אז עס איז עמעס.

— מען האָט אפילע די יינגעלעך — זאָגט ער — איינגעזעצט און זיי געהייסן אָפּגעבן צוריק דעם טייך, אָבער זיי לייקענען שטיין און ביין און זאָגן, אז ס׳איז נישט עמעס, זיי האָבן אים נישט צוגע־נומען. זיי זיינען געווען — זאָגן זיי — שטאַרק דאָרשטיק, האָבן זיי געגעבן א גרויסן טרונק און אויסגעטרונקען דעם גאנצן טייך.

— מיט איין טרונק קען מען אויסטרינקען אזא יאם מיט וואסער?

— א גאנצן יאם נישט, — אָבער א האלבן — יאָ.

— וואו זשע איז אהינגעקומען דער אנדערער האלבער יאם?

— א יינגעלע האָט אריינגעוואָרפן א שוועבעלע פייער און אים פארברענט.

איך לאַך, איך ווייס אז פעטער סימכע שפּאַסט און זאָג:

— אויב אזוי, לאָמיר גיין אין קינאָ.

— אין קינאָ וואָלט איך אפילע יאָ געגאנגען, איז אָבער די מייסע וואָס קארליטאָס טשאַפּלין שפּילט היינט נישט.

— פארוואָס שפּילט ער נישט?

— ער איז היינט פארקילט.

— ווען מיר זען לאורעלן און הארדין.

— האָסט דאָך געזען נעכטן ווי זיי זיינען געפאלן און זיך צע־האקט די נעז, איז ווי אזוי קענען זיי היינט שפּילן?

— וואו זשע גייען מיר?

— לאָמיר גיין אין באָטאנישן גאָרטן. נאָר וואַרט, איך וועל מיך פריער אָנפרעגן, צי דער באָטאנישער גאָרטן געפינט זיך נאָך אפן זעלבן אָרט. עפּשער האָט ער זיך שוין ארויסגעצויגן?

און פעטער סימכע גייט צו צום טעלעפאָן און שרייט: אַלאָ! מיטן באָטאַנישן גאָרטן? וואוינסט נאָך אפן זעלבן אָרט? זייער גוט.
און פעטער סימכע נעמט מיך אָן פארן האנט און זאָגט:
— קום, דער באָטאַנישער גאָרטן ווארט אף אונדז.

פעטער סימכעס געבורטסטאָג

פעטער סימכע איז געקומען און מיר דערציילט, אז מאָרגן איז זיין געבורטסטאָג. ער ווערט פינף יאָר אלט.
קוק איך אים אָן און לאַך.
— וויפל יאָר, פעטער, ביזטו היינט אלט?
— פיר יאָר, — זאָגט ער.
לאַך איך.
— א גרויסער מענטש דארף אלט זיין מער ווי פיר יאָר.
זאָגט ער:
— יאָ, איך בין אלט געווען זעקס, האָב איך צוויי יאָר פארלאָרן.
— ווי אזוי קען מען פארלירן יאָרן?
— וואָס הייסט ווי אזוי! ווי אזוי פארלירט מען א זייגער? א בליישטיפט? א מעסערל? מען לייגט עס אריין אין א צעריסענער קעשענע, פאלט עס ארויס.
און פעטער סימכע ווייזט מיר די קעשענע זיינע און זאָגט:
— איך האָב די יאָרן מיינע געהאלטן אָט דאָ אין דער קעשענע, זיינען זיי ארויסגעפאלן.
— ווען זשע, פעטער, איז דיין געבורטסטאָג?
— מאָרגן.

— וואָס איז מאָרגן, מיטוואָך?

פעטער סימכע צעלאַכט זיך:

— נארעלע! וואָס קען מען וויסן וואָס מאָרגן וועט זיין?

— זאָג מיר, פעטער.

— וואָס רעדסטו! מען ווייסט נאָר, אַז היינט איז דינסטיק, אָבער צי מאָרגן איז מיטוואָך ווייסט מען נאָך ניט. פּונקט ווי מען ווייסט נאָך נישט, צי מאָרגן וועט שיינען די זון, אָדער, עס וועט זיין כמארנע.

אָבער באלד זאָגט ער:

— שאַ, ווייסט וואָס, איך וועל אָנפרעגן דורכן טעלעפאָן בא מיינעם א כאווער. וועט ער מיר שוין זאָגן.

— פונוואַנען ווייסט דיין כאווער?

— ער וואוינט אפן זעקסטן שטאָק, גייט ער ארויף אפן דאַך און קוקט אראָפּ וויט, וויט, זעט ער, צי עס קומט דער מיטוואָך, צי דער דאָנערשטיק.

און ער גייט צו צום טעלעפאָן-רערל און הויבט אָן ריידן:

— אַלאָ! לייזער? וואָס איז מאָרגן? מיטוואָך, דאָנערשטיק, צי פרייטיק? — א דאנק.

און פעטער סימכע רופט מיך צו און רוימט מיר איין א סאָד אין אויער.

— מאָרגן איז טאקע מיטוואָך, נאָר געדענק, זאָלסט קיינעם נישט דערציילן.

די זון איז מיט מיר ברוינגעז געוואָרן

יענע וואָך, בין איך געווען קראנק און דער דאָקטער בראַקטער האָט מיר געהייסן שטעלן באנקעס, מאכן קאָמפּרעסן און נעמען אזעלכע פּראָשקעס מיט א געטראנק.

די פּראָשקעס מיטן געטראנק זיינען געווען ביטער און איך האָב זיי נישט געוואָלט נעמען. האָט די מאמע גערופן דעם פעטער סימכע און ער האָט גענומען אין האנט דאָס פודעלע מיט די פּראָשקעס און דעם געטראנק און זיך צעלאכט.

— וואָס לאכסטו? — פרעגט אים די מאמע.

ער בויגט זיך איין איבער מיר און זאָגט:

— דיין מאמע ווייסט נישט...

— וואָס ווייסט זי נישט?

— זאָל זי אוועקגיין, וועל איך דיר זאָגן.

די מאמע גייט אוועק און פעטער סימכע דערציילט מיר, אז אין דעם פודעלע פּראָשקעס און אין פלעשל געטראנק זיינען דאָ אזעלכע קוויטלעך אף פּרעמיעס, און אז מען נעמט אויס די פּראָשקעס מיטן געטראנק גיט מען אין אפטייק פאר די קוויטלעך שפּילצייג.

— ווען דיין מאמע ווייסט, נעמט זי איין די פּראָשקעס מיטן געטראנק.

און פעטער סימכע נעמט און צעמישט א פּראָשעק אין וואסער און גיט מיר איין און באלד גיט ער מיר אויך א לעפל געטראנק.

דער געטראנק איז נאָך ביטערער ווי דער פּראָשעק, אָבער איך נעם אים איין און טו אף גיך א שלינג אראָפּ.

— צום געזונטו! — זאָגט פעטער סימכע און רופט אריין דער מאמען.

— סעניאָרא! — זאָגט ער — איך שטעל דאָ אוועק די פּראָשקעס

מיטן געטראַנק, אָבער, לעמאַנעשעם, איר זאָלט מיר אים נישט אויסטרינקען.

און באַלד בויגט ער זיך איין צו מיר און זאָגט מיר אין אויער.

— דו גיב אַכטונג, אַז קיינער זאָל נישט קיין זופּ טון פֿון פּלעשל, ווייל ווען דיין מאַמע וועט וויסן, וועגן די קוויטלעך...

פעטער סימכע איז שוין נישט אוועקגעגאַנגען און געבליבן נעבן מיר אַ גאַנצן טאָג. מיר דערציילט מייסעלעך און איינגעגעבן אַלעמאָל די רעפֿועס.

— דו ווייסט — זאָגט ער צו מיר — איך קען מאַכן, אַז די פּראָשקעס זאָלן נישט זיין ביטער.

— ווי אַזוי?

— וועסט באַלד זען.

פעטער סימכע נעמט די פּראָשקעס און טוט אַ שנאָל מיטן פינגער איבערן פודעלע און זאָגט:

ביטערניש פון נעכטן,
ביטערניש פון היינט,
שלוימעלע איז ברויגעז
און האָט דיך פיינט,
אַנטלויף פון דעם פּראָשעק,
אַוועק פון געטראַנק
איך ברעך דיר די ביינער
און באַלד ווערסטו קראַנק.

אין אָוונט האָט מיר פעטער סימכע געשטעלט באַנקעס און געמאַכט קאָמפּרעסן און מיר בעיים מייסע דערציילט, אַז די שיכעלעך מיינע וואָס שטייען הינטערן בעט, וויינען.

— וואָס וויינען זיי? — פרעג איך.

— וואָס הייסט! דו ווייסט נישט? זיי ווילן נישט — זאָגן זיי — ליגן אין שטוב, אונטערן בעט, זיי ווילן אַרוים אויפן גאַס, זיך דורכשפּאַצירן און כאַפּן אַביסל פרישע לופט.

— און נישט נאָר די שיכעלעך דיינע וויינען, עס וויינען אויך

דיינע בלוזקעלעך און הייזעלעך, עם וויינען דיינע זעקעלעך, דיין ביציקלעט, דיין אויטאָמאָביל און אפילע דיין בלייערן סאָלדאטל. אלע זיינען זיי בייז אף דיר, פארוואָס דו ביזט קראנק און זאָגן, אז עס איז זיי אומעטיק, קיינער שפּילט זיך נישט מיט זיי און זיי סטראשען, אז אויב דו ווערסט נישט באלד געזונט, נעמען זיי און גייען אליין ארוים אפן גאס זיך שפּילן.

פעטער סימכע האָט איינציקווייז אראָפּגענומען פון מיין פּלייצע די באנקעס און מיר אָנגעוויזן אף מיין היטעלע וואָס איז גע־האנגען אף דער וואנט.

— זע נאָר! — דיין היטעלע איז אויך ברויגעז... עס האָט אויך נאָר וואָס געוויינט און געגאָסן מיט טרערן. עס וויל אויך שפּאצירן און ארומלויפן אפן גאס!..

און פעטער סימכע דערציילט, אז היינט איז א גאנצן טאָג דער הימל געווען כמארנע און די זון האָט זיך נישט געוויזן און אליין דערפאר, וואָס איך בין קראנק און זי האָט נישט מיט וועמען צו שפּילן זיך.

— ווּעסט זען — האָט ער געזאָגט — אז די לעוואָנע מיט די שטערן וועלן היינט אויך נישט קומען. זיי ווייסן, אז דו ביזט נישט געזונט, זיצן זיי אין שטוב און פוילן זיך ארויסצוגיין שפּאצירן...

פעטער סימכע גיט מיר ווידער איין די פּראָשקעס מיטן גע־טראנק, דעקט מיך איין און זאָגט:

— דו, שלאָף. איך 'גיי אוועק איבעררעדן מיט דער זון, מיט דער לעוואָנע און מיט די שטערן, אז זיי זאָלן נישט זיין ברויגעז אף דיר און קומען מאָרגן אין גאס אריין.

— זאָלסט וויסן, זאָגט ער, אז איך וועל זיי צוזאָגן, אז דו ווּעסט שוין זיין מאָרגן געזונט און לעמאנעשעם, זע, אז איך זאָל נישט בלייבן קיין ליגנער.

ווען איך וועל געזונט ווערן

דאָקטער בראַקטער איז היינט געווען בא מיר און געזאָגט, אַז מיר איז שוין בעסער, נאָר איך דאַרף נאָך ליגן אייניקע טעג אין בעט.

— און וואָס איז מיקויעך עסן? — האָט אים די מאַמע געפרעגט.

— איר מעגט אים נאָר געבן לייכטע זאַכן.

— און די רעצעפּטן?

— די רעצעפּטן מעגט איר שוין אוועקשטעלן.

ווען דער דאָקטער איז אַרויס, איז אַריינגעלאָפן א פּאַרסאַפּעטער פּעטער סימכע, געכאַפּט די פלעשלעך פון טיש, זיי אַרויסגעוואָרפן, און געזאָגט מיט א ניגון:

פאַר דעם געטראַנק
וועלכער איז געווען זויער,
דאַרף מען דעם אַפּטייקער
אַנדרייען אַן אויער.
פאַר די פּראַשקעס
וועלכע זיינען געווען ביטער,
דאַרף מען דעם דאָקטער
שמייסן מיט ריטער
און פאַר די באַנקעס
וועלכע זיינען דיר נישט געפעלן
דאַרף מען דעם פּעטער סימכען
די מייסע דערציילן.

דערנאָך האָט מיר פּעטער סימכע דערציילט, אַז די זון איז היינט שטאַרק אומרואיק: זי קומט אַרויס אַף א רעגע, גיט א קוק אַף דער גאַס און פאַרשווינדט: שיינט אויף און פאַרגייט און אַלץ דערפאַר, ווייל איך בין קראַנק און זי האָט נישט מיט וועמען צו שפּילן זיך.

ווען פעטער סימכע איז אוועק, האָב איך אָנגעהויבן רופן דער מאמען און איר געבעטן זי זאָל מיר געבן עסן, אסאך עסן.

— וואָס ווילסטו עסן? — האָט מיר די מאמע געפרעגט.

— איך וויל ברויט, אסאך ברויט.

— קיין ברויט טאָרסטו נאָך נישט עסן — האָט די מאמע געזאָגט.

איך האָב אָנגעהויבן וויינען און שרייען:

— ברויט! איך וויל ברויט!

די מאמע האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון און זי איז אוועק און גערופן פעטער סימכען און ער האָט געזאָגט:

— גוט. אויב ער וויל ברויט, וועל איך גיין צום בעקער און אים זאָגן, אז ער זאָל ווידער אָנהויבן באַקן.

— איך וויל שוין!

— נארעלע! — האָט פעטער סימכע געזאָגט — דו ווייסט נישט, אז די בעקערס באַקן שוין נישט א וואָך צייט?

— פארוואָס?

— זיי האָבן געהערט, אז דו ביזט קראנק און דו עסט נישט קיין ברויט האָבן זיי אויפגעהערט צו באַקן.

און פעטער סימכע האָט זיך אנידערגעזעצט נעבן מיר און געזאָגט, אז מאָרגן, ברענגט ער מיר א ברויט אזוי גרויס ווי דער טיש, און אז איך וועל אויפעסן דעם ברויט, וועל איך ווערן אזוי שטאַרק, אז ווען איך וועל געבן א בלאָז, וועט ווערן א שטורעם און עס וועלן אָנהויבן פליען אין דער לופטן טראמווייען, באנען און אויטאָבוסן; וועל איך געבן נאָך א בלאָז, וועלן זיך אויפהויבן אין דער הויך פלאסעס מיט ביימער. און מענטשן וועלן זיך דערשרעקן און פרעגן: ווער האָט געמאכט אזא שטורעם?! וועט מען זאָגן: שלוימעלע! ער האָט אויפגעגעסן א ברויט גרויס ווי דער טיש. וועלן די דאָזיקע מענטשן קומען צו דיר, און זיך בעטן: זיי א גוטער, בלאָז נישט, ווייל דו וועסט אונדז נאָך פארבלאָזן אין עק וועלט און מיר וועלן נישט וויסן ווי אהיימצוגיין.

און אז פעטער סימכע הויבט אָן ריידן און דערציילן, פאַרגעס איך שוין, אז איך בין הונגעריק און ליג און הער אויס איין שפּאַס נאָכן אנדערן.

— ווייסט שלוימעלע — זאָגט ער — אז דו וועסט געזונט ווערן, קויף איך דיר א פלאַסע מיט בוימער, אף וועלכע עס וועלן וואַקסן פייגן, קאַראַמעלעס און לופט-באַלאַנען. און אז דו וועסט וועלן א קאַראַמעלע, וועסטו נאָר דאַרפן א טרייסל טון א בוים און עס וועלן פליען קאַראַמעלעס גלייך אין מויל אריין.

— וואו וועל איך זי האלטן די פלאַסע?

— וועסט זי האלטן אין הויף אָדער אין דרויסן. נאָר איין זאַך, וועסטו דאַרפן אינזינען האָבן, אז יעדע נאַכט, איידער דו וועסט גיין שלאָפן, וועסטו מוזן די בוימער אַריינעמען אין שטוב אריין, קעדיי מען זאָל זיי דיר נישט צוגאַנווענען.

— און א שיף, זאָגט ער, וועט ער מיר אויך קויפן, א גרויסע שיף ווי די „נעפּטוניא” און אז איך וועל איינמאָל אויפשטיין פרי און ארויסגיין אפן גאַס, וועט די שיף שטיין פאַר דער טיר און וואַרטן אף מיר.

— פעטער — פרעג איך — א שיף קען דען פאָרן אף דער טריקעניש?

— בא מיר וועט זי שוין קענען.

— ווי אזוי וועל איך אזא גרויסע שיף קענען באַנאַכט אַריינ-נעמען אין שטוב אריין?

— וועסטו זי נישט אַריינעמען — זאָגט ער.

— קענען דאָך קומען גאַנאָווים און זי צוגאַנווענען?

— וועסטו זי באַנאַכט צובינדן מיט א פאָדעם צו א בוים.

— קען מען זי דאָך אָפּבינדן?

— וועט מען אוועקשטעלן נעבן איר א ווייזשילאַנט אכטונג צו געבן. נאָר קעדיי, מען זאָל דעם ווייזשילאַנט אויך נישט צוגאַנווענען, וועט מען אים אויך מוזן צובינדן צום בוים.

אַט אזעלכע מייסעלעך דערציילט פעטער סימכע ביז שפּעט באַנאַכט און ווען איך ווער אַנטשלאָפן, דוכט זיך מיר, אַז פאַר מיין טיר שטייט טאַקע אַזאַ גרויסע שיף און איך בין אַ קאַפּיטאַן און פיר זי אַ גאַנצן טאָג אַרום פון איין ראָג גאַס צום אַנדערן.

מיט דער זון אויף אַ שפּאַציר

נעכטן איז געווען אַ שיינער טאָג, אַ וואַרימער, מיט אַסאַך זון. און פעטער סימכע איז געקומען און געזאָגט, אַז אין אַזאַ טאָג דאַרפן אַלע קינדער זיין אויפן גאַס.

— פאַרוואָס? — פרעג איך אים.

— ווייל, ווען די זון זעט, אַז די קינדערלעך זיינען נישטאָ אויפן גאַס, גייט זי אויך אַריין אין שטוב.

— פעטער סימכע — פרעג איך — די זון האָט אַ שטוב?

— אַוודאי — זאָגט ער.

— פון וואַנען ווייסטו?

פעטער סימכע צעלאַכט זיך.

— איך בין דאָך אַליין געווען בא איר אין שטוב.

— ווען?

— נעכטן.

— צוליב וואָס?

— צוליב וואָס וויל איך דיר נישט זאָגן.

— זאָג מיר.

— עס איז אַ סאָד.

— איך וועל קיינעם נישט דערציילן.

— גוט. איך וועל דיר זאָגן. איך האָב היינט געוואָלט גיין מיט דיר שפּאַצירן, בין איך געגאַנגען צו דער זון בעטן, אַז זי זאָל אונדז באַגלייטן.

— וואָס זשע האָט זי געזאָגט?

— וואָס זאָל זי זאָגן. זעסט דאָך, אַז זי איז געקומען.

און פעטער סימכע נעמט און טוט מיר אָן דאָס מאַנטעלע, קעמט מיר צו די האָר און זאָגט:

— גיכער! די זון וואַרט אויף אונדז אין דרויסן.

מיר געזעגענען זיך און גייען אַרויס אין דרויסן און פעטער סימכע הויבט אויף דעם קאָפּ צו דער זון און זאָגט:

— אָט האָסטו אים. קום!

אין דרויסן איז ליכטיק און וואַרעם און אויפן גאַס לויפן אַרום אַסאַך קינדערלעך און שפּילן זיך. זיי זעען מיך און פרעגן:

— וואו גייסטו, שלוימעלע?

— איך גיי אויף דער פּלאַסע שפּאַצירן.

— אַליין?

— מיט מיין פעטער סימכע.

— און מיט דער זון — לייגט צו דער פעטער.

— יאָ — זאָג איך — די זון גייט אויך מיט אונדז מיט שפּאַצירן.

די קינדערלעך לאַכן און פעטער סימכע זאָגט:

— לאַכט, לאַכט, קינדערלעך, איר וועט באַלד האָבן אַ פייג, נישט קיין זון.

און ער ווייזט מיר, ווי די זון גייט מיט אונדז מיט און שמייכלט:

— איי, וועט זיי באַלד פאַרדריסן, וואָס מיר נעמען מיט די זון...

— פעטער — פרעג איך — די זון וואוינט אַליין?

— ניין — זאָגט ער — זי וואוינט צוזאַמען מיט דער לעוואָנע.

— און דו האָסט געזען די לעוואָנע אויך?

— יאָ. זי איז געשלאָפן, קעדיי זי זאָל קענען אויפזיין באַנאַכט.

און ער דערציילט מיר, אַז די זון מיט דער לעוואָנע האָבן נישט מער ווי איין בעטל, איז באַטאָג שלאָפט אויפן בעט די לעוואָנע און

די זון שפּאַצירט אַרום אויפן הימל און באַנאַכט שלאָפט די זון אויפן בעטל און די לעוואָנע שפּאַצירט אַרום.

— און וואָס טוען זיי אין די כמאַרנע טעג, ווען זיי זיצן ביידע אין שטוב?

— וואָס זאָלן זיי טון — זאָגט ער — זיי וואַשן זיך און פּוצן זיך און שאָקלען אויס די פּערענעס, אָדער זיי שפּילן אין א שאָך, צי אין א דאָמינע.

און פּעטער סימכע קוקט אויף דער זון און זיפצט אָפּ.

— דו ווייסט, איך האָב אַמאָליקע געוואָלט פאָרן קיין ראָזאַריע, איז מיר געווען א שאָד די זון.

— אין ראָזאַריע איז נישטאָ קיין זון?

— אַוודאי נישט — זאָגט פּעטער סימכע — עס איז דאָ איין שטיקל זון, מיט איין שטיקל לעוואָנע, וואוינען זיי ביידע אין בוענאָס איירעס.

און באַלד גיט ער צו:

— אָט דערפאַר — זאָגט פּעטער סימכע — איז דאָך בוענאָס איירעס אַזאַ גרויסע שטאָט: ווייל אַלע מענטשן פון דער רעפּובליק ווילן נאָר וואוינען אין דער זעלבער שטאָט, וואו עס וואוינט די זון מיט דער לעוואָנע.

און פּעטער סימכע זאָגט:

— עס איז נאָך א נעס, וואָס נישט אַלע מענטשן ווייסן וועגן דער זון און דער לעוואָנע, זאָלן זיי זיך נאָר דערוויסן, וועט די גאַנצע וועלט קומען צולויפן אַהער, קיין בוענאָס איירעס.

א רעגן אף פּאָסט

איינמאָל, אין א הייסן טאָג, קומט פעטער סימכע און פרעגט מיך:

— נו, האָסט דערהאַלטן?

— וואָס דערהאַלטן? — פרעג איך אים.

— דאָס וואָס איך האָב דיר צוגעשיקט?

— וואָס האָסטו מיר צוגעשיקט?

— דו ווייסט גאָרנישט? איך האָב דאָך דיר צוגעשיקט א רעגן אף פּאָסט.

לאַך איך.

— ווי אזוי קען מען שיקן א רעגן אף פּאָסט?

— וואָס הייסט ווי אזוי, מען נעמט א רעגן און מען לייגט אים אריין אין א קאָנווערט, מ׳שרייבט אויף דעם אדרעס, מ׳קלעפּט אויף א מאַרקע און מען וואַרפט אים אריין אין פּאָסטקעסטל.

— דו לאַכסט, פעטער!

— ווער לאַכט? איך בין געגאַנגען נעכטן אין גאַס און געזען, אז עס איז שטאַרק הייס און דושנע, האָב איך געטראַכט: א ראַכמאָנעס אף שלוימעלען, ער ליידט נעבעך פון דער היץ און פון דער דושנעקייט. בין איך אריינגעגאַנגען אין א קראָם און דאָרטן געקויפט ספּעציעל פאַר דיר א גוטן שטורעם און רעגן, אז ער זאָל אביסל אָפּפרישן די לופט.

און פעטער סימכע האָט גענומען פון טיש דעם טעלעפאָן-בוך און אָנגעהויבן דאָרט עפּעס זוכן.

— וואָס זוכסטו, פעטער? — פרעג איך אים.

— איך זוך דעם טעלעפאָן-נומער פון דער צענטראַל פּאָסט.

— צו וואָס?

— איך וויל דאָרטן אָנפרעגן, וואָס איז די מייסע, וואָס זיי שיקן דיר נישט דעם רעגן.

אָבער באַלד האָט ער אוועקגערוקט דעם בוך און געזאָגט:

— מיילע, עס איז זיי נישט פאַריבל צו האָבן. זיי האָבן דאָרט אַסאַך אַרבעט. היינט — מאָרגן, וועסטו זיכער דערהאַלטן דעם רעגן. ווי עס זאָל נישט זיין, פאַרפאַלן ווערן דאָרטן, וועט ער זיכער נישט.

— פּעטער — פרעג איך — ווען וועט שוין זיין ווינטער?

— דאָס ווייסט מען נישט. עס ווענדט זיך אין ווייזשילאַנט וואָס שטייט דאָרטן אונטערן שטאָט.

— וואָסער ווייזשילאַנט?

— דו ווייסט נישט? אַז עס קומט דער זומער, שטעלט מען אַוועק אַ ווייזשילאַנט אונטערן שטאָט און מען זאָגט אים אָן, אַז ער זאָל נישט אַריינלאָזן דעם ווינטער. זיצט ער, דער ווייזשילאַנט גאַנצע טעג און נעכט און היט אָפּ די שטאָט, אַז דער ווינטער זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן. אָבער אַזוי ווי דער ווייזשילאַנט איז דאָך אויך נאָר אַ מענטש און ער דאַרף דאָך אויך אַמאָל שלאָפן, איז ווי נאָר ער כאַפּט אַ דרימל, גאַנוועט זיך דער ווינטער אַריין אין שטאָט.

— און אויף יענער זייט שטאָט איז קאַלט?

— אַוודאי — זאָגט פּעטער סימכע — דערפאַר פאָרן דאָך מענטשן זומער אַרויס פון שטאָט.

און פּעטער סימכע האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מאָרגן, וועט ער צונויפנעמען אַלע וואוילע קינדערלעך און וועט אַרויספאָרן מיט זיי אונטערן שטאָט.

— וואוהין?

— צו דער פּלאַזשע.

— וואָסער פּלאַזשע?

— קיין אַליוואָס.

— פאַרוואָס נישט קיין וויסענטע לאַפּעז?

— איך האָב פיינט וויסענטע לאַפּעז. ווען איך באָד זיך דאָרטן איז שטענדיק דאָס וואַסער נאַס.

— און אין אַליוואַס איז דאָס וואסער טרוקן?

— אוואדע, דאָרטן איז דאָס וואסער טאָמעד טרוקן, סיידן, אז עס טרעפט אמאָל מען קומט אהין נאָך א רעגן...

און פעטער סימכע האָט מיר געהייסן צוגרייטן זיך מאָרגן באלד אינדערפרי צו דער רייזע.

פארביטן די בילעטן

פעטער סימכע איז געקומען באלד אינדערפרי און אָנגעקלאפט אין טיר.

— דאָ וואוינט א יינגעלע, וואָס האָט א פעטער סימכע? — פרעגט ער מיין מאמען.

— יאָ.

— ער הייסט שלוימעלע?

— סי סעניאָר.

— וואו איז ער?

— שלוימעלע! — שרייט מיין מאמע — עפעס א מענטש רופט דיך.

— וואָס וויל ער? — פרעג איך און מאַך זיך ווי איך ווייס נישט ווער עס איז.

— דיין פעטער האָט מיך געשיקט, אז איך זאָל דיך ברענגען צו אים אַף דער פלאזשע, נאָר, גיכער, דער טאָג שטייט נישט.

— אויב דער טאָג שטייט נישט, קען איך אים געבן א שטול און זאָל ער זיך אוועקזעצן — זאָג איך.

פעטער סימכע האָט אָנגעקוואָלן. ער האָט מיך ארומגעכאפּט און געגעבן א קוש.

— דו וואקסט דאָך א פעטער סימכע! — האָט ער געזאָגט.

אין דרויסן האָט מיך פעטער סימכע באקאנט מיט אסאך ייִנגעלעך און מיידעלעך.

— זעסט — זאָגט ער — דאָס ייִנגעלע הייסט בערעלע, ווייל ער עסט נאָר פלוימען מיט א קערעלע. און דאָס מיידעלע הייסט מענוכעלע, ווייל זי האָט ליב מייסעס פון א ביכעלע. איצט יענעם יונגאטש זעסטו? ער הייסט טיטאָ, ווייל ער וואוינט אין קאבאזשיטאָ.

— און ווי הייסט דאָס ייִנגעלע? — פרעגט א קליין מיידעלע מיט א בלאנד קעפּעלע.

— דאָס ייִנגעלע — ווייזט פעטער סימכע אָף מיר — הייסט שלוימעלע און ער איז זייער א גוטער, ווייל ער עסט ברויט מיט פּוטער.

פעטער סימכע האָט אונדז אלע אויסגעשטעלט צו צוויי אין א ריי און געזאָגט:

— געגאנגען זאָל ווערן!

מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אריין און פעטער סימכע האָט מארשירט פאָרויס מיט צוויי גרויסע טשעמאָדאנעס.

— קינדער, קוקט אלע אָף די טשעמאָדאנעס — האָט ער געזאָגט.

— וואָס זשע וועט זיין?

— וועט מיר לייכטער זיין צו טראָגן...

אפן טראמוויי האָט פעטער סימכע אונדז אלע אויסגעזעצט און געזאָגט:

— אָבער געדענקט, קינדער, איר זאָלט מיר דאָ נישט אנטשלאָפן ווערן, ווייל איך פיר נישט מיט זיך קיין בעטעלעך און קיין מאמקעס.

דער קאָנדוקטאָר איז צוגעקומען נאָך בילעטן און פעטער סימכע האָט אים געפרעגט:

— זאָג מיר, סעניאָר קאָנדוקטאָר, דער טראַמוויי דיינער ווייסט דעם וועג צו דער סטאַנציע בעלגראַנאָ?

— יאָ — זאָגט דער קאָנדוקטאָר און לאַכט.

— אויב אזוי איז גוט. גיב מיר אכט בילעטן. אָבער נאר מיך נישט אָפּ, גיב מיר פון די בעסטע בילעטן וואָס דו האָסט.

אפן וועג קומט ארויף א קאָנטראָלער און פעטער סימכע טוט זיך א כאַפּ.

— אוי! ביטער.

— וואָס איז?

— איך האָב דאָ אויסגעמישט די בילעטן און איך ווייס נישט, וועלכער איז שלוימעלעס און וועלכער איז בערעלעס; וועלכער בילעט איז מיינער און וועלכער מענובעלעס. וואָס וועט איצט זיין?

אלע האָבן געלאכט. נאָר איין מענובעלע האָט זיך דערשראָקן און געזאָגט:

— אוי, וואָס וועט איצט זיין?

אף דער סטאַנציע בעלגראַנאָ האָט פעטער סימכע גענומען בי־לעטן פאר אלע און מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט וואַרטן אפן צוג.

פעטער סימכע האָט דערווייל געוואָלט אונדז דערציילן א מייסעלע, אָבער עס האָט זיך דערהערט א הילכיקער פייף.

— פעטער! די באַן גייט — זאָג איך און שטעל זיך אויף.

— זיץ — זאָגט פעטער סימכע — די דאָזיקע באַן געפעלט מיר נישט און איך וועל איר דאָ נישט לאָזן אָפּשטעלן זיך.

די באַן איז דורכגעלאָפן האסטיק די סטאַנציע און איבערגע־לאָזט געדיכטע קנוילן רויך.

— ווען איך וויל, אז די באַן זאָל זיך דאָ אָפּשטעלן, שטעלט זי זיך — זאָגט פעטער סימכע.

— ווי אזוי?

— איך טו איין קלייניקייט. איך לייג אוועק א שטרוי אף די רעלסן, איז, טפּרו... מוז זי בלייבן שטיין.

ווען מיר זיינען שוין געזעסן אפן צוג, האָט זיך פעטער סימכע געגעבן א כאפ פארן קאָפּ.

— איך האָב פארגעסן!

— וואָס האָסטו פארגעסן?

— איך האָב דאָך נישט געזאָגט דער באן וואוהין מיר ווילן פאָרן.

— מען דארף דער באן זאָגן?

— ווי דען? די באן איז עפּעס א נאָווי צו וויסן וואוהין מיר ווילן פאָרן?

אָבער באלד האָט פעטער סימכע געזאָגט.

— מיילע, איך וועל זיך שוין אן אייצע געבן.

דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו וויסענטע לאָפּעז און פעטער סימכע האָט זיך ארויסגעבויגן און געזאָגט:

— איך פאָר נישט קיין וויסענטע לאָפּעז.

דער צוג איז געפאָרן ווייטער.

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אָליוואָס, האָט ער זיך ווידער ארויסגעבויגן און געזאָגט:

— אף דער סטאנציע זאָלסטו שטיין בלייבן.

דער צוג האָט אים געפאָלגט און איז שטיין געבליבן און מיר זיינען אלע אָפּגעשטיגן און אוועק צו דער פלאזשע.

באַזאַלצן דעם יאַם

א גאַנצן טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט מיט פעטער סימכען באַם יאַם: זיך געבאָדן, ארומגעלאָפן, געשטיפט, געשפּילט אין באַהעל־טעניש, געגראָבן טונעלן אין זאַמד. אָבער, אַז עס איז געוואָרן פאַר־נאַכט, האָט זיך פעטער סימכע אויפגעשטעלט און א קאָמאַנדעווע געטון.

— נו, קינדערלעך, שוין צייט אהיימצופאָרן.

— אַזוי פרי? — האָבן מיר אַלע געפרעגט אומצופרידן.

— עס איז שוין נישט פרי. דער יאַם גייט שוין באַלד שלאָפן.

און פעטער סימכע האָט א קוק געטון אַפן הימל און געזאָגט:

— דוכט זיך, עס וועט היינטיקע נאַכט רעגענען און מען וועט מוזן אריינגעמען דעם יאַם אין שטוב אריין.

— וואָסי?

— ער זאָל נישט ווערן נאַס.

— ווי אַזוי נעמט מען אריין אין שטוב א יאַם?

— מען שעפּט אים אויס אין עמערס און מען טראָגט די עמערס אריין אין שטוב.

— פעטער — פרעג איך — באַנאַכט איז נישטאָ קיין יאַם?

— אַוואַדע נישט. אָדער, ער גייט אַוועק שלאָפן, אָדער ער דעקט זיך איין מיט שוואַרצע קאָלדרעס און מען זעט אים נישט אַרויס.

פעטער סימכע האָט צונויפגענומען אַלע זאַכן און זיי איינגע־פּאַקט אין די טשעמאָדאַנעס און געזאָגט:

— נו, קינדערלעך! אין וועג אריין.

אַפן וועג, טוט מיר פעטער סימכע א זאָג:

— הער נאָר, שלוימעלע, פאַר דיר דאַרף איך אויך נעמען א באַנבילעט?

— אַוואַדע, איך בין דאָך שוין א גרויסער.

— אָבער דו קענסט דאָך לויפן גיך, איז עפּשער וועסטו נאָכ־לויפן די באַן?

— איך וויל נישט.

— וואָס אַרט דיך, איך וויל טאַקע זען ווער עס לויפט גיכער, דו, צי די באַן?

פּעטער סימכע האָט געזען, אַז איך האָב מוירע, האָט ער זיך צולאַכט.

— נאַרעלע, מיינסט איך וועל דיך דאָ איבערלאָזן?..

אפן באַן האָט בערעלע מיט טיטאָן אָנגעהויבן דרימלען און פּעטער סימכע האָט זיי געגעבן אַ פּאָר שנאָלן אין דער נאָז.

— ווער עס שלאָפט אפן באַן פאַרפאָרט גלייך קיין יאַפּאַן.

און ער האָט פּלוצים אַ פרעג געטון:

— קינדערלעך, ווער ווייסט, פאַרוואָס די וואַסער אין יאַם איז געזאַלצן?

— פאַרוואָס? — האָבן מיר אַלע געפרעגט.

— עס איז אַמאָל אַ יינגעלע געקומען צום יאַם זיך באָדן, האָט ער מיטגעבראַכט אַ סאַנדוויטש מיט אַ שטיקל הערינג. איז דער הערינג אַריינגעפאַלן אין וואַסער. און פון דעמאָלסט אָן איז דאָס וואַסער אין יאַם געזאַלצן.

— פון אַ שטיקל הערינג ווערט אַזאַ גרויסער יאַם געזאַלצן?

— פון אַ שטיקל הערינג נישט. אָבער עס איז געווען נאָך אַ מייסע אויך.

— וואָסער מייסע?

— עס איז געווען אַמאָל אַ ייִד. וואָס האָט ליב געהאַט פיש מיט אַסאַך זאַלץ. האָט ער אָנגעזאָגט זיין ווייב, אַז זי זאָל אַריינטון וואָס מער זאַלץ אין די פיש. האָט אָבער דאָס ווייב ליב געהאַט פיש מיט ווייניק זאַלץ, האָט זי אים נישט געהערט. האָט זיך איינמאָל דער ייִד מעיאַשעוו געווען און איז אַוועק צום יאַם מיט אַ גאַנצן טאָפּ זאַלץ און אים אַריינגעשיט אין וואַסער, קעדיי, די פיש וואָס מען וועט דאָרטן כאַפּן זאָלן שוין זיין געזאַלצן.

ווען מ'איז געקומען אין שטאָט אריין איז שוין באַנעלע און בערעלע געשלאָפן און פעטער סימכע האָט זיי געמוזט נעמען אויף דער האַנט און נאָך טראָגן די טשעמאַדאַנעס אויך.

— איר ווייסט, האָט ער געזאָגט, מען דאַרף זיי בײדע אַרײַנלייגן אין טשעמאַדאַן, וועט זיין גרינגער זיי צו טראָגן.

— מען קען נישט אריינלייגן קיין קינדערלעך אין טשעמאָדאַן

— האָב איך געזאָגט.

— אויב אַזוי, איז באָרגט מיר עמיצער נאָך אַ פּאָר הענט, מיט צוויי הענט קען איך נישט אַלץ פאַרנעמען.

ווען מיר זיינען אָפּגעשטיגן פון באַן, האָט פעטער סימכע גענומען אַן אָמניבוס און זיצנדיק אינווייניק, האָט ער אונדז אָנגעזאָגט.

— געדענקט, קינדערלעך, קוקט נישט ארויס דורכן פענצטער.

— פאַרוואָס?

— איך וויל נישט, אַז דער טראַמוויי זאָל אייך זען.

— פאַרוואָס?

— עס וועט אים נאָך פאַרדריסן פאַרוואָס איר פאָרט מיט אַן אָמניבוס.

און פעטער סימכע דערציילט, אַז דער טראַמוויי מיט דער אונטערערדישער באַן זיינען טויט ברויגעז און אַז די אונטערערדישע באַן וויל אויך פאָרן אויבן, אויף דער ערד, אָבער זי האָט מוירע פאַרן טראַמוויי.

און ער האָט אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן דעם גוואַרדאַ פון טראַמוויי נישט דערציילן, אַז אונטן גייט אַ באַן.

— פאַרוואָס?

— די אונטערערדישע באַן וויל נישט, אַז ער זאָל וויסן, זי האָט מוירע...

פון א פליג — א העלפאנט

שלוימעלעס טאטע האָט איינמאָל גערעדט מיט דער מאמען וועגן פעטער סימכע, האָט ער א זאָג געטון:

— דו ווייסט, דיין ברודער קען מאכן פון א פליג א העלפאנט.

האָט דאָס שלוימעלע דערהערט, האָט ער אויפגעשטעלט מויל און אויערן.

— טאקע! — האָט ער געפרעגט.

— וואָס?

— פעטער סימכע קען מאכן פון א פליג א העלפאנט?

דער טאטע האָט געלאכט.

— וואָס, דו ווייסט נישט דערפון?

— ניין.

— נו, זאָלסטו טאקע וויסן.

דעם טאָג, האָט שוין שלוימעלע געוואַרט אומגעדולדיק אפן פעטער און אלעמאָל געפרעגט דער מאמען:

— זאָג מיר, עס איז טאקע עמעס, פעטער סימכע קען מאכן פון א פליג א העלפאנט?

די מאמע האָט געלאכט.

— נארישער באָכער, וואָס וויים איך, אז ער וועט קומען וועסטו אים פרעגן.

דעם אָוונט איז פעטער סימכע נישט געקומען און שלוימעלע האָט לאנג נישט געקענט אנטשלאָפן ווערן און געלעגן אין בעט און געהאלטן אין איין טראכטן און קלערן, ווי אזוי דער פעטער סימכע קען באווייזן אזא קונץ און מאכן פון א פליג א העלפאנט.

אנטשלאָפן געוואָרן איז שלוימעלע שוין האלבע נאכט און אים האָט זיך געכאָלעמט, אז די שטוב איז פול מיט פליגן און מאָסקיטעס און פעטער סימכע טוט א קום אריין און טוט א בלאָז אף רעכטס,

א בלאָז אף לינקס און עס ווערט א פולע שטוב מיט העלפאַנטן. איין העלפאנט שטייט אפן לאָמפּ, א צווייטער, אפן בלומענטאָפּ, א דריטער, אף דער פושקע מיט צוקער און א פערטער, גאָר אפן זייגער.

די העלפאנטן דרייען מיט די נעז, מרוטשען. אָבער פעטער סימכע האָט גאָרנישט מוירע און ער גייט ארום אין שטוב און וואו נאָר ער דערזעט א פליג, טוט ער א בלאָז און מאכט פון איר א העלפאנט און באלד איז די שטוב באדעקט מיט העלפאנטן און מען זעט העלפאנטן אף די ווענט, העלפאנטן אפן סופיט, אף דער פאָדלאָגע, אפן טיש, אף די שטולן.

שלוימעלע וויל זיך אוועקזעצן, אָבער ער האָט נישט קיין פּלאַץ, אלע שטולן און בענק זיינען פארנומען מיט העלפאנטן און ער שרייט:

— שוין, גענוג, פעטער, וואָס טויג דיר אזוי פיל העלפאנטן?

אָבער פעטער סימכע לאכט און בלאָזט ווייטער און שלוימעלע זעט, ווי די שטוב ווערט פול מיט טויזנטער און טויזנטער העלפאנטן...

ווען שלוימעלע האָט זיך אויפגעכאפּט, איז ער געווען נאס פון שוויים און ווען די מאמע האָט אים געפרעגט, וואָס ער האָט אזוי געשריגן אין שלאָף, האָט ער דערציילט, וואָס עס האָט זיך אים געכאָלעמט און זי האָט שטאַרק געלאכט.

— אָט א נארישער באָכער, נא דיר גאָר א מייסע מיט העלפאנטן.

דעם אָוונט, איז פעטער סימכע געקומען און ווי נאָר ער איז איבערגעטראָטן די שוועל, איז אים שלוימעלע אנטקעגנגעלאָפן און געפרעגט:

— פעטער סימכע, עס איז עמעס, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט?

— אז וואָס?

— אז דו קענסט מאכן פון א פליג א העלפאנט?

פעטער סימכע האָט געלאכט.

— א שיינע פראגע! דו האָסט עס נישט געוואוסט?

— ניין.

— א כידעש. ווי קומט עס, אז דו זאָלסט עס נישט וויסן? דאָס ווייסט דאָך שוין אפילע א קינד אין וויג.

— אזוי! — האָט שלוימעלע זיך געכידעשט — און דו האָסט שוין געמאכט אמאָך העלפאנטן?

— א שיילע. די צוויי העלפאנטן פון זאָאָלאָגישן גאָרטן האָסטו געזען?

— יאָ.

— זיי זיינען אמאָל געווען פליגן ווי אלע פליגן.

— נו?

— האָב איך געטון אף זיי איין בלאָז, זיינען זיי געוואָרן העלפאנטן...

— אָבער ווי אזוי, פעטער — פרעגט שלוימעלע — קען פון א פליג ווערן א העלפאנט?

— ווילסטו זען?

— יאָ.

— גיי זשע און טו מיר א כאפ א פליג, וועסטו באלד זען.

שלוימעלע קוקט זיך ארום איבער דער שטוב און דערזעט אפן וואנט א פליג און וויל זי כאפן, אָבער פעטער סימכע טוט אים א נעם פאר דער האנט.

— ווארט, איין מינוט, אן אָרט וואו צו האלטן דעם העלפאנט האָסטו שוין?

— ניין.

— א העלפאנט, ווייסטו דאָך, איז גרויס און ער וועט נישט אריין אין שטוב. אכוץ דעם דארפסטו וויסן, אז דער דאָזיקער העלפאנט וועט אומעטום מיר נאָכלויפן און וועלן עסן.

— וועסטו אים געבן.

— און דו מיינסט אז א העלפאנט קען מען אָפקומען מיט א שטיקל ברויט מיט פוטער, צי מיט דריי לעפל זופ? א העלפאנט קען אויפעסן א גאנצע בעקעריי מיט ברויט אף אמאָל.

— איז וואָס?

— איז וואו זשע וועלן מיר נעמען אזוי פיל געלט צו באצאָלן, הא?

שלוימעלע איז געוואָרן טרויעריק.

— טאקע גערעכט — האָט ער געזאָגט.

פעטער סימכע האָט געזען, אז שלוימעלע איז טרויעריק, האָט ער אים גענומען אף דער האנט און אים א זאָג געטון:

— אָבער נישט געזאָרגט, יינגעלע, ווען איך וועל אָנקלייבן אביסל געלט און קענען דינגען א גרויסע דירע פארן העלפאנט און אָפקויפן פאר אים א בעקעריי, וועסטו זען, ווי איך וועל איינס און צוויי מאכן פון א פליג א העלפאנט און אים דיר אוועקשענקען אלס מאטאָנע.

דער פֿאַרשלאָפֿענער וועכטער

פֿאַראַן אַף אַ פּלאַסע אַ וועכטער, זימל, וואָס האָט ליב אַלע מאָל צו כאַפּן אַ דרימל און ווען די קינדער קומען זיך שפּילן, טרעפֿן זיי אים שלאָפֿן אַף אַ באַנק און זיי זאָגן אים: אַ שיינעם דאַנק, ווייל זיי קענען דאַן אַרומלויפֿן פֿריי, וואו זיי ווילן, און אַפּילע, אַפֿן גראָז זיך שפּילן; זיי קענען קלעטערן אַף די בוימער און גראָבן זאַמד און ערד און טון אַלצדינג אומגעשטערט.

פֿאַראַן אַ יינגעלע, אידל, האָט ער געמאַכט וועגן וועכטער אַ לידל. זינגט זיך דאָס לידל אַזוי:

לאָמיר לויבן ביזן הימל
אונדזער טייערן וועכטער זימל,
פֿאַר זיין שלאָף און פֿאַר זיין דרימל,
איז ער ווערט אין לאָץ אַ בלימל.

פֿאַראַן אַן אַנדער יינגעלע ווידער, הייסט ער איצל, טוט ער אָפּ דעם וועכטער אַלעמאָל אַן אַנדער שפּיצל: ער שיט אים אָן אַ פֿולע קעשענע מיט זאַמד, שטעקט אים אַריין פֿענדלעך אין דער היטל. פֿאַרשרייבט אים די פּלייצע מיט קרייד, אָדער, ער לויפֿט גלאַט צו און וועקט אים אויף מיט אַ געשריי:

— סעניאָר זימל! עס ברענט דער הימל! עס ברענט דער הימל

און עס ברענט דער טייך. שטייט אויף גיכער און ראטעוועט אייך!..

דער וועכטער זימל כאפט זיך אויף און הויבט אָן שרייען און קלאפן מיטן שטעקן, קעדיי די קינדער אָנצושרעקן, אָבער, אינמיטן שרייען, ווערט ער צוריק אנטשלאָפן און די קינדער רינגלען אים ארום אין א ראָד און זינגען א לידל, וואָס ס'האָט טאקע געמאכט אידל:

שלאָף מיין וועכטערל, מיין שיינער,
שלאָף זשע, איילי־ליו,
אזוי פיל שלאָפן קען נישט קיינער,
קיינער, אויסער דו.
קענסט אין באָלעם איצט פארפאָרן
קיין בינע אָף שפאציר,
זאָלסט אונדז לעבן טויזנט יאָרן
און שלאָפן אָן א שיר.

דער וועכטער וואָלט נישט געהערט דאָס לידל און נישט געזען די ראָד, ווען איצל טוט אים ווידער נישט אָפּ א שפיצל און גיסט אים אָן א קעשענע מיט וואסער און שרייט:

— שטיי אויף, שוימער! מען גאנוועט צו די פלאסע מיט די בוימער!..

דער וועכטער זימל כאפט זיך אויף פון דרימל און הויבט אָן טרייבן די קינדער מיטן שטעקן און מיט דעם וויזשילאנט זיי שרעקן, אָבער די קינדער לאכן זיך פון אים אויס און זיי זינגען אים ווידער אויף א לידל, געמאכט פון כאווער אידל:

שא, שטיל, מאכט נישט קיין געוואלד,
דער וועכטער זימל גייט שלאָפן באלד.
שא, שטיל, מאכט נישט קיין גערודער
אונדזער זימל, שלאָפט שוין ווידער...

דער וועכטער וואָס איז אַף לײַטיש געלעכטער

דער וועכטער פון דער פלאסע, פעטער זימל, האָט ליב צו כאַפּן א געשמאַקן דרימל. און ווי נאָר ער זעצט זיך צו אַף א באַנק, גע־דויערט נישט לאַנג, און פּייל פון בויגן, שליסן זיך אים די אויגן און באַלד הערן די פויגל אַף די בוימער ווי עס שלאָפט און כראָפּעט זייער שוימער און זיי זאָגן:

— זעט נאָר אונדזער וועכטער! ער שלאָפט דאָך גאָרנישט אַף קיין געלעכטער.

— צוויטנגריטן, גריטנצוויטן! — און דאָס איז א וועכטער וואָס דאַרף אונדז היטן!...

איינמאָל, קומען קינדער אַף דער פלאסע, זעען זיי אז דער וועכטער שלאָפט, זאָגן זיי:

— מען וואָלט דאַרפן מיט אונדזער וועכטער מאַכן א געלעכטער.

— וואָסער געלעכטער?

זאָגט איינער:

— לאָמיר אים אָנלייגן א קעשענע שטיינער.

— ניין — זאָגט א צווייטער — איך וועל אים אַף דער פּלייצע אויסמאָלן א לייטער.

— לאָזט אָפּ — זאָגט איצל — איך האָב גאָר אַן אַנדער שפּיצל.

— וואָסער שפּיצל?

— איר זעט דאָרט א וואָגן?

— נו?

— איז לאָמיר אַהין דעם וועכטער אַרויפטראָגן.

— וואָס זשע וועט זיין?

— בראַנפן מיט ווייַן.

— פֿאַרט?

— אונדזער פּאַסאַזשיר, װעט מאַכן אַן אומזיסטן שפּאַציר.

און ניט גערעדט קײן סאַך, האָבן זיך די יאַטן גענומען צו דער זאַך און װער באַ א פּוס און װער באַ א האַנט, האָט מען דעם װעכטער צוגעשלעפּט צום װאָגן און היפּ־האָפּ — ער ליגט שױן דאָרט װי א סנאָפּ.

די פֿױגל אױף די בױמער זײנען געשפּרונגען פֿון פֿרײד.

— אָט דאָס איז פֿײן! ביזטו א װעכטער זאָלסטו קײן פּעפּער נישט זײן.

בלױז די בױמער זײנען געשטאַנען טרױעריק.

— אַן א שױמער, אָן א היטער — האָבן זײ געזאָגט — איז דאָך אונדז בױמער גאָר ביטער. די קינדער װעלן פֿון אונדז שנעל, מאַכן אַש און טעל.

האָט זײ איצל געגעבן א קיצל.

— האָט נישט מוירע, מען װעט אײך נישט צוגאַנװענען די סכוירע. ער װעט מיט מאַזל און גליק, נאָך קומען צוריק.

דער פֿורמאַן האָט גאַרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. ער איז געקומען און געגעבן א זאָג צו די פֿערד:

— נו, מײנע הערן, געגאַנגען זאָל װערן!

די פֿערד האָבן זיך געגעבן א רים און אָנגעהױבן שטעלן פֿיס.

דער װעכטער זימל, איז זיך געשלאָפֿן גאַנץ פֿעסט, אים האָט זיך געכאָלעמט, אַז ער זיצט און עסט. געגרײט איז דער טיש מיט קיניגלעך עסן און נעבן אים זיצט א בלאָנדע פּרינצעסן. זי גיסט אָן זײן בעכער, זײ טרינקען צוזאַמען, און גילדענע פֿײגל באַגריסן זײן גראַמען. זײ זאָגן, לעכײעם, לעכײעם, דיר זימל, דו שײנסט װי די ליכטיקע זון אינעם הימל...

דער װאָגן פֿאָרט גאַס אױס און גאַס אײַן, ביז ער קומט אײַן צעבראָכענעם געסל אַרײַן און הױבט זיך אָן טרײסלען און װאַרפֿן א שרעק, ביז ער פֿאַרלירט אונדזער װעכטער אױפֿן װעג.

זימל, איז זיך אַלץ װײטער פֿעסט געשלאָפֿן און ער װאָלט ביז

היינט נישט געוואוסט, וואָס מיט אים האָט געטראָפן. האָבן אָבער מענטשן געזען און געמאכט א גוואַלד:

— העי! פורמאן, האלט!

— וואָס?

— האָסט פארלאָרן א מענטש.

מיינט דער פורמאן עס איז א וויץ, טוט ער די פערד א שמיץ.

— גיכער, ליבע פערד, איר האָט שוין דעם וויץ געהערט.

דער וואָגן איז אוועק און די מענטשן זיינען געבליבן שטיין אין שרעק.

— עפּעס איז די מייסע נישט פראָסט.

— לאָמיר — זאָגט איינער דעם מענטש אויפוועקן און זען צי ער לעבט.

אלע האָבן גענומען דעם וועכטער טאָרען און וועקן.

— העי, דו, שטיי אויף!

ווען דער וועכטער האָט געעפנט די אויגן און זיך געגעבן א קוק ארום, האָט ער געפרעגט:

— וואו איז די פלאסע?

לאכט מען.

— וואָסער פלאסע, א טרוקענע, צי א נאסע?

דער וועכטער האָט געדרייט דעם קאָפּ אף אלע זייטן און אָנגעהויבן שרייען:

— גאנאָווים! גאנאָווים!

לויפן אָן נאָך מענטשן, לויפט אָן א וויזשילאנט און ער פרעגט:

— וואָס שרייסטו?

— מען האָט מיר צוגעגאנוועט א פלאסע.

די מענטשן לאכן, אָבער זימל שרייט:

— עס איז נישט קיין געלעכטער, איך בין פון דער פלאסע דער וועכטער. איך הייס זימל און איך האָב געכאפּט א דרימל און איצט, איך שטיי אויף, קוק זיך ארום, נישטאָ קיין פלאסע, קיין בוים, קיין בלום.

זימל האָט זיך אזש צעוויינט און דער וויזשילאַנט האָט אַף אים גרויס ראַכמאָנעס געקריגן און געזאָגט:

— ליאַרעם נישט, שריי נישט, גיי נישט פון זינען. איך גיב דיר מיין וואָרט, אז איך וועל די גנייווע געפינען.

און ער האָט גענומען דעם וועכטער פאַר דער האַנט און אומ־געפירט איבער אַלע פּלאַסעס פון לאַנד און אים געפרעגט:

— דאָס איז דיין פּלאַסע?

— ניין.

— און יענע?

— אויך נישט.

ווען דער וויזשילאַנט איז געקומען צו פּלאַסע אַנסע, האָט זיך דער וועכטער דערפרייט.

— אָט דאָס איז זי דאָך!...

און זימל האָט ארומגעכאַפּט דעם וויזשילאַנט און אים אָנגע־הויבן קושן פאַר פרייד.

— דו ביזט דער בעסטער וויזשילאַנט, פון דעם גאַנצן לאַנד און ווען איך בין א גענעראַל, גיב איך דיר גלייך א מעדאַל.

— אוואַדע — האָט געזאָגט דער וויזשילאַנט — אזוי שנעל און אזוי גיך, האָט נאָך קיינער נישט געפונען א גנייווע, ווי איך.

אז די פויגל האָבן דערזען דעם וועכטער, האָבן זיי אויפגע־וועקט אַלע בוימער.

— בוימער, בוימער! דאָ האָט איר צוריק אייער שוימער.

אָבער די בוימער האָבן ברוגזעלעך געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט:

— אזא שוימער, אזא וועכטער, איז טאַקע נאָר אַף לייטיש געלעכטער.

דער העלדישער וועכטער זימל

דער וועכטער פון דער פלאסע, פעטער זימל, האָט ווידער געכאפּט א געשמאקן דרימל און אָפּגעשלאָפן אזוי א טאָג מיט א נאכט און נישט געהערט, ווי די קינדער האָבן געשטיפט און גע־לאכט: זיי זיינען געקראָכן אף די בוימער, געטראָטן אפן גראָז און אים געשטעלט פייגן אונטער דער סאמע נאָז.

א שטורעם איז געקומען און זימל האָט נישט געהערט. ער איז גאָר געפלויגן אף א גאָלדן פערד, געפלויגן איבער פעלדער מיט ציי־טיקע זאנגען באפרייען א מאלקע פון גאזלאָנים געפאנגען.

דער שטורעם האָט געהערשט און וועלטן געקערט, געבראָכן די בוימער און זיי געוואָרפן צו דער ערד, וואָלקנס מיט שטויב און שטיקער פאפיר האָבן זיך געדרייט און געטאנצט אין ווארוויר, די גאסן געווען זיינען ליידיק און פוסט, אָבער דער וועכטער האָט גאָרנישט געוואוסט, ער איז געריטן פייל פונעם בויגן און דאָס בילד פון דער מאלקע געהאט פאר די אויגן: געזען ווי זי ליגט געבונדן אין א הייל, איר פּאָנים איז בלייך ווי קרייד, צי ווי מעל. זי וויינט און זי רופט אירע זעלנער און וועכטער און ס׳מאכן די גאזלאָנים פון איר א געלעכטער. און א גאזלען א גרויסער, דער גרעסטער פון אלע, וויל, אז די מאלקע זאָל ווערן זיין קאלע...

דער וועכטער ווערט בייז, טרייבט שטאַרקער דאָס פערד: זייט וועלט איז וועלט, איז אזוינס נישט געהערט! „איך וועל זיי וויייזן די גאזלאָנים, די אלע, פאר דער האָזע צו וועלן מיין מאלקע פאר א קאלע"...

אין דרויסן ווערט אלץ מער געפערלעך דאָס וועטער, עס פליקט אוים דער ווינט פון די בוימער די בלעטער, און אָט טוט א כליאַפּ פון דעם הימל א רעגן און ער הויבט אָן פארפלייצן די גאסן, די וועגן, עס גיסט ווי מיט צעבערס מיט גרויסע, פון הימל, און עס

שלאָפט אַלץ אונדזער וועכטער. דער פעטער רעב זימל. דער רעגן ער גיסט אַף זיין פּאָנים און באַקן און אים דוכט זיך ער טרייבט זיין פערד האַלדז און נאַקן; גיכער און גיכער דער מאַלקע באַפרייען, זי וועט דיך באַלוינען און געבן צו קייען!..

און עס פליט אַזוי זימל איבער טאָל, איבער באַרג, ביז ער קומט אָן צו א גאָלדענעם פּאַרק, א פּאַרק א געדיכטער מיט פרוכט אַלערליי און מען זעט נישט קיין שוימער, קיין וועכטער בא זיי.

נעמט זיך דער זימל און פאַרזוכט גלייך א באַרנע און עס ווערט אין דער רעגע אין דרויסן באַלד כמאַרנע. עסט ער אויף צוויי, ווערט אין דרויסן א שניי, פאַרזוכט ער אַן עפּל, וואַקסט אים אָן א צעפּל, נעמט ער עסן מאַראַנצן, הויבט דאָס פערד אָן שפּרינגען און טאַנצן, טוט ער דאָס פערדל א גלעט פאַרן קאַרק, איז אויס פרוכט און אויס פּאַרק...

דער רעגן האָט געכליאַפּעט דריי שאָ נאָכאַנאַנד. און זימל, עס זאָל אים נישט זיין צו קיין שאַנד, ער האָט גאָרנישט געפילט און גאָרנישט געהערט און געפלויגן אַלץ ווייטער גאַלאָפּ אַפן פערד. ס'ווערט טונקל דער הימל, און נאַכט ווערט שוין באַלד, און זימל קומט אָן צו א פינצטערן וואַלד. ער בלאָנדזשעט א טאָג און בלאָנדזשעט א נאַכט. דערזעט פּלוצים א הייל מיט א שטיין צוגע־מאַכט. — האָ! — זאָגט זימל און שיינט אויף פון פרייד, — דאָ ליגט די מאַלקע געבונדענערהייט...

און סע שפּרינגט באַלד אַראָפּ אונדזער העלד פון דעם פערד און לויפט צו צום שטיין, וואָס ליגט אַף דער ערד. ער וויל אים אויפהויבן און האָרעוועט אָן שיר און — עס טוט זיך דער שטיין פונעם אָרט נישט קיין ריר.

שטייט אַזוי זימל און קלערט וואָס צו טון און עס קוקט דאָס פערד מיט ראַכמאָנעס אים אָן. ער קאָפּעט פון קאַעס די ערד און דאָס גראָז, און הירזשעט און, רעדט אַף זיין שפּראַך צום באַלעבאָס. און זימל, ער פאַרשטייט נישט פערדיש א וואָרט און טראַכט ווי רירט מען דעם שטיין פון דעם אָרט...

דער שטורעם, דער רעגן, פארביי זיינען לאנג און ס'שלאָפט אלץ דער וועכטער נאָך דאָרט אפּן באנק, און אים דוכט זיך ער זעט, מיטאמאָל ווי דער שטיין, קאטשעט זיך עפּעס פון זיך גאָר אליין. ער הויבט אויף די אויגן און קוקט זיך ארום און דערזעט ווי דער פערד בריקעט אים שטום.

זימל דערפרייט זיך און דאנקט אָפּ דעם פערד און לאָזט זיך אריין אין הייל אומגעשטערט. ער שפרייזט דורך כאדאָרים, פיל, אָן א שיר, און דערזעט פאר זיך פּלוצים אן אייזערנע טיר. ער טוט זי א שטופּ און מאכט זי גלייך אויף, און — דרייסיק גאזלאָנים צו אים טוען א לויף!..

אָבער זימל דערשרעקט זיך נישט כאָלילע פאר זיי. ער כאפּט באלד זיין בליישטיפט און גיט א געשריי:

— די הענט ארויף! עס איז אומזיסט, איר זעט אָט דעם בליי-שטיפט? ער הארגעט, ער שיסט!..

אין דרויסן איז געוואָרן ליטער און שיין און ווידער זיינען מענטשן געקומען צו גיין. דערזען דעם וועכטער און זיך שטאַרק צעלאכט און איינער פון זיי האָט א וויזשילאנט געבראכט און ער האָט אים געוואָלט פון שלאָף אויפרייסן ער זאָל גיין אהיים עפּעס איבערבייסן, אָבער זימל, ער האָט נישט געהערט און נישט געוואוסט און געשריגן קעסיידער, אז ער הארגעט און שיסט...

דערנאָך איז געקומען דער אינספּעקטאָר הער ניסן און ער האָט זימלען געוועקט און געריסן.

— שטיי אויף וועכטער אָף לייטיש געלעכטער.

אָבער זימל, ער האָט זיך געכאָלעמט גאָר זיס און געשריגן: פאָרזיכטיק קינדער, איך שאָס און איך שיס!

אים האָט זיך געדאכט, אז די גאזלאָנים, שטעלן זיך מיט אים דאָרט אפּאָנים און ווילן נישט די מאלקע פאר קיין פאל באפרייען און כאפּן זיך אלע גלייך צום קלייזייען...

דער אינספּעקטאָר, הער ניסן, האָט דעם וועכטער געריסן און ווען מען האָט אים שוין אויפגעוועקט מיט מאזל און גליק, האָט ער

אַף אַלע געוואָרפן א בייזן בליק און פול מיט קאַעס גענומען שרייען. אַלעמיי מען לאָזט נישט די מאַלקע באפרייען.

וואָס ווייטער איז געווען, קענט איר אליין פארשטיין. מען האָט זימלען סאַף קאָל סאַף אהיים געבראכט און ער איז נאָך דאָרט אָפּגעשלאָפן א טאָג מיט א נאכט און זיך ווייטער געשפּינט זיין כאָלעם דעם לאנגן, אז ער באפרייט די מאַלקע וואָס איז דאָרט געפאנגען.

דער פילם ענדיקט זיך נישט

דער פארשלאָפענער וועכטער, זימל, האָט א מיידעלע סאָרעלע, איז זי נאָך קיינמאָל נישט געווען אין קינאָ און נישט געזען טשארלי טשאפלין, נישט געזען בוסטער קיטאָן, נישט האראָלד לאָיד און נישט קיין שום אנדער קאָמיקער.

אין אָוונט, ווען די קינדער קלייבן זיך אלע צוזאמען צו גיין אין קינאָ ווילן זיי סאָרעלען מיטנעמען און זאָגן:

— קום, סאָרעלע, מען ווייזט שיינע בילדער.

סאָרעלע לאָזט אראָפּ טרויעריק דאָס קעפּל און זאָגט:

— מיין טאטע וויל נישט.

— פארוואָס וויל ער נישט?

— כ׳ווייס נישט.

די קינדער גייען אוועק און סאָרעלע בלייבט איינע אליין אַף דער גאַס און האָט נישט מיט וועמען צו שפּילן זיך, שטייט זי און קוקט א טרויעריקע אין הימל אריין, קוקט נאָך א קליין ווייס וואָלקנדל, וואָס שווימט דאָרט אום ווי א פּאַפּירן שיפל אַפן רואיקן גלאטן וואסער.

ווען דער וועכטער קומט צוגיין, לויפט אים סאָרעלע אנטקעגן, נעמט אים ארום מיט אירע קליינע הענטלעך און זאָגט:

— טאטעשי! לאָמיר גיין אין קינאָ.

דער וועכטער זימל, האָט זייער ליב זיין טעכטערל, אָבער ער איז מיד און שלעפעריק. גלעט ער זיין טעכטערל איבערן קעפל און זאָגט:

— מאָרגן, קינד מיינס, מאָרגן...

סאָרעלע ווארט אומגעדולדיק אף מאָרגן און ווען דער טאטע קומט אהיים, טרעט זי שוין פון אים נישט אָפ און שלעפט אים קעסיידער פאר דער פאָלע.

— קום, טאטע, האָסט דאָך געזאָגט...

— באלד, קינדעלע, לאָמיר עפעס אָפעסן.

דער וועכטער זעצט זיך אוועק באם טיש און איידער ער נעמט עפעס אין מויל אריין, לאָזט ער אראָפ דעם קאָפ און ווערט אנטשלאָפן.

סאָרעלע וויינט פון פארדרוס און שרייט:

— איך וויל נישט אזא טאטן, שטענדיק שלאָפט ער...

אף מאָרגן, איז סאָרעלע ברויגעז מיטן טאטן און וויל צו אים נישט צוגיין און דער וועכטער זידלט זיך אליין אָפ און זאָגט:

— זימל, ביזט א שמאטע, נישט קיין טאטע.

זימל גייט אוועק היטן די פלאסע און באשליסט בא זיך, אז היינט, מעג דונערן און בליצן, גייט ער מיטן קינד אין קינאָ, אָבער, ווען ער קומט אהיים, איז ווי נאָר ער זעצט זיך אוועק באם טיש, ווערט ער גלייך אנטשלאָפן און הויבט אָן כראָפען און סאָרעלע שטייט פון ווייטן, קוקט א ברויגעזע אפן טאטן און זאָגט:

— איך בין מיט אים ברויגעז, נאָר ער שלאָפט...

די קינדער פון דער גאס קומען צוריק פון קינאָ מיט פרייד און געלעכטער און זיי טרעפן סאָרעלען שטיין אן אומעטיקע פארן טויער און דערציילן איר אלץ, וואָס זיי האָבן געזען.

סאָרעלע הערט אוים א טרויעריקע די אלע קאָמישע מייסעס און איין יינגעלע קוקט איר אָן און זאָגט:

— דיין טאטע איז א שלעכטער. פארוואָס גייט ער נישט מיט דיר אין קינאָ?

דער וועכטער זימל כאפט זיך אויף און דערהערט די רייד פון די קינדער און עס פארדריסט אים אף זיך אליין.

— זימל — זאָגט ער צו זיך — ביזט טאקע א שלעכטער.

און דער וועכטער באשליסט, אז מאָרגן מעג זיין אן ערד־ציטערניש, גייט ער מיטן קינד אין ביאָגראף.

דאָס מאָל, האלט זימל וואָרט און ווי נאָר ער ווערט פריי, לויפט ער אהיים, כאפט אָן סאָרעלען פאר א הענטל און זאָגט:

— קום, טעכטערל!

— וואוהין?

— אין קינאָ.

סאָרעלע טאנצט און שפרינגט פאר פרייד און כאפט אלעמאָל ארום דעם טאטן, קושט אים, גלעט אים און זאָגט:

— גוט טאטעלע מיינס, גוט טאטעלע...

ווען דער וועכטער קומט אין קינאָ, איז דער זאל איבערגעפולט מיט קינדער און ווען זיי דערזעען אים, הויבן זיי אויף א טומל, א געשריי:

— זימל איז דאָ!

— דער וועכטער!

— פעטער זימל! ביזט געקומען כאפן א דרימל? — פרעגט א יינגעלע.

— דער וועכטער, איז געקומען אף א געלעכטער.

— גיב אכטונג, זימל, מען גאנוועט צו דעם הימל.

די קינדער טומלען און שרייען, אָבער זימל מאכט זיך נישט ווימנדיק. ער זעט, אז זיין קינד איז פריילעך, טוט עס אים גרוים האנאָע און ער קוקט קעסיידער אף דער בינע און ווארט, אז דער פאָרהאנג זאָל זיך אויפהויבן.

אין סאלאָן ווערט פינצטער און דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף און אפן ווייסן לייוונט באווייזט זיך די קאַץ פעליקס.

די קינדער פאטשן מיט די הענטלעך פון צופרידנקייט און דער וועכטער זיצט, קוקט אַף דער קאַץ און פרעגט:

— דאָס איז קינאָ? פון דעם לאכט מען?

אפן לייוונט באווייזן זיך פארשידענע כייעס, וואָס שפרינגען, טאנצן און זינגען און דער וועכטער הויבט מיט די פלייצעס:

— אַט פאר דעם נעמט מען געלט?

זימל טוט א קוק אַף זיין טעכטערל און זעט, אז זי זיצט א פארגאפטע מיט אַן אָפן מויל. טוט ער א הויב מיט די פלייצעס, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און ווערט אזוי באלד אנטשלאָפן.

אין צווייטן פילם באווייזט זיך טשאפלין מיטן הארטן קאפעלושל, מיטן שטעקעלע און די גוט באקאנטע שיך. ער דרייט זיך ארום נעבן א בעקריי און קוקט אַף די פרישע ברויטלעך און מען זעט, אז ער איז נעבעך גוט הונגעריק און וואָלט וועלן ארויסגאַנווענען א ברויטל. אָבער א דיקער פאָליציאַנט האלט אים אפן אויג און גייט אים נאָך א בייזער מיטן שטעקעלע.

די קינדער לאכן און האָבן גרויס הנאָה פון טשאפלינס גענגעלע, פון זיין דרייען דאָס שטעקעלע און זיי ווארטן מיט אומגעדולד צו זען, וואָס דאָ וועט זיין. אָבער אינמיטן דערהערט מען דאָס כראָפּען פון וועכטער זימל און טשאפלין בלייבט שטיין, קוקט זיך ארום אין זאל און הויבט אָן דרייען מיטן קאָפּ.

— וואָסי? — פרעגן זיך אלע קינדער.

קארליטאָס ווייזט אָן מיטן שטעקעלע אפן איינגעשלאָפענעם וועכטער און זאָגט:

— צום ערשטן מאָל זע איך שלאָפן בא מיינעם א פילם.

די קינדער הויבן אָן טומלען און שרייען:

— ארוים!

— אהיים שלאָפן!

אָבער דער וועכטער הערט נישט. ער שלאָפט און כראָפּעט

און זעט אין כאָלעם גאָר אַן אנדער פילם פון א באסמאלקע, וואָס איז געפאנגען פון פערציק גאזלאָנים און וואַרט א געבונדענע, אז ער, זימל, זאָל זי באפרייען.

די קינדער טוען זיך א לאָז צו זימלען, וועקן אים און שרייען:

— וועכטער אַף לייטיש געלעכטער! — שטיי אויף!

סאָרעלע רייסט אויך איר טאטן און קען אים נישט דערוועקן און ווען די קינדער זעען, אז טשאפלין וויל נישט שפּילן, כאפּן זיי דעם וועכטער פאר די הענט און פאר די פיס און טראָגן אים ארויס פון סאלאָן. זעצן אים אוועק א שלאָפנדיקן אין דרויסן, אָנגעשפּארט אָן דער וואנט.

סאָרעלע שטייט נעבן טאטן און וועקט אים, אָבער ער שלאָפט געשמאק און זי בלייבט שטיין מיט אראָפּגעלאָזטע הענט און ווייסט נישט וואָס צו טון...

דער וועכטער שלאָפט א שאָ און צוויי און ווען ער כאפּט זיך אויף און עפנט די אויגן, איז שוין שפּעט און ער זעט פאר זיך א פוסטע פינצטערע גאס מיט פארמאכטע טירן און לאָדן.

— וואו בין איך? — פרעגט זיך דער וועכטער און דערמאנט זיך באלד, וואוהין ער איז געגאנגען און זאָגט:

— אהא! — איך בין דאָך אין קינאָ...

דער פארשלאָפענער וועכטער קוקט אַף דער פוסטער פינצטע־רער גאס און זעט פון צייט צו צייט דורכלויפן א שווארצן אויטאָ, אָדער א קאמיאָן און ער קוקט און פרעגט זיך אליין:

— דאָס איז קינאָ?..

פון ווייטן לויפט אָן א באלויכטענער טראמוויי, וואָס פאָרט שנעל דורך מיט א גערויש און ער זעט באלד אויך דורכגיין לאנגזאם א ווייזשילאנט, וואָס פייפט זיך אונטער א לידל און דער וועכטער גאפט און שטוינט:

— אָט דאָס איז דער קאָמיקער! פון אים לאכט מען עס אזוי!

דער פארשלאָפענער וועכטער זיצט נאָך א ווײלע און זעט, אז

די גאס ווערט אלע מאָל פוסטער און שטילער און ער ווערט בייז און אויפגערעגט:

— אָט דאָס איז קינאָ! פאר דעם נעמט מען עס געלט! — שרייט ער.

דער פארשלאָפענער וועכטער טוט זיך האסטיק א הויב אויף און וויל אהיימגיין. אָבער, ער שטויסט זיך אָן אין דער וואנט און כאפט א קלאפ אין קאָפּ. און ווען ער קוקט זיך ארום זעט ער בא די זייטן שטיין א מאכנע מענטשן, וואָס קוקן אים אָן און לאכן און ער פארשעמט זיך און לויפט שנעל אהיים.

אַ רעלע נאַרעלע

איינער האָט אַ יינגעלע אַ נאַר. ווייסט ער נישט וואָס צו טון מיט אים. איז ער זיך מעיאשעוו און גייט אריין מיט אים צו אַ דאָקטער און הייסט אים באטראכטן.

— וואָס טוט אים וויי? — פרעגט דער דאָקטער.

— גאָרנישט.

— ער איז פארקילט?

— ניין.

— האָט נישט קיין אפעטיט צום עסן?

— כאָלילע.

— וואָס זשע דען איז אים?

— באטראכט אים, וועט איר זען.

דער דאָקטער באטראכט דאָס יינגעלע אַ האלבע שאָ צייט, טאפט אים דעם בויך, די זייטן, דעם קאָפּ און הויבט מיט די פּלייצעס.

— דאָס קינד — זאָגט ער — איז געזונט...

— יאָ — זאָגט דער טאטע — געזונט איז ער, אָבער...

— אָבער וואָס?

— אָבער נאריש...

— וואָס זשע ווילט איר פון מיר? — פרעגט דער דאָקטער.

דער טאטע קווענקלט זיך אביסל.

— כ׳ווייס, איר זיינט דאָך א דאָקטער, בין איך געקומען צו אייך, איר זאָלט מיר געבן עפּעס א מיטל, ער זאָל ווערן אביסל קליגער...

דער דאָקטער לאכט.

— אף קיין קלוגשאפט איז נישטאָ קיין שום מיטל.

— וואָס זשע טוט מען?

— זאָל עס זיך שפּילן מיט אנדערע קינדער.

— עס העלפט נישט.

— גייט מיט אים אין קינאָ, אין טעאטער, אין צירק.

— ווייסעך וואָס! פון דעם ווערט ער נאָך נארישער.

— שיקט אים אין א שולע.

דער טאטע טוט א זיפץ און זאָגט:

— מיילע, כ׳וועל דאָס אויך פּרוואון.

אף מאָרגן גיט דער טאטע דעם קינד א ביכל, א העפט, א בלייפעדער און זאָגט אים:

— גיי, מיין קינד, אין שולע, לערן זיך שרייבן, לייענען, עפּשער וועסטו פאָרט ווערן אביסל קליגער.

א גוט קינד איז ער, דאָס יינגעלע, פאָלגט ער און גייט און ווי נאָר ער קומט אין שולע, נעמט ער ארוים פון קעשענע א פּאָר קנעפּלעך און הויבט זיך אָן שפּילן.

דער לערער דערזעט עס און פרעגט אים:

— ארעלע? צוליב וואָס האָט דער טאטע דיר געשיקט אין שול, ווייסטו?

— יאָ — זאָגט ארעלע — ער האָט מיך געשיקט אין שול, איך זאָל ווערן אביסל קליגער...

אלע קינדער צעלאכן זיך און דער לערער שטילט זיי איין און זאָגט, אז ארעלע האָט גאָרנישט געזאָגט אזוי שלעכט. יעדעס יינגעלע, וואָס לערנט זיך אוים לייענען און שרייבן, ווערט אביסל קליגער.

באם אהיימגיין, רינגלען די קינדער ארום ארעלען און פרעגן אים:

— נו, ביזט שוין געוואָרן עפּעס קליגער?

— איך ווייס נישט — זאָגט דאָס יינגעלע — איך וועל פרעגן מיין טאטן.

די קינדער צעלאכן זיך.

— אויב אזוי, ביזטו דאָך טאקע אן ארעלע נארעלע!

— נישט קיין קליין נארעלע, נאָר א נאר, א גרויסער נאר — זאָגט איין יינגל.

ארעלע דערפרייט זיך.

— עמעס, מיין מאמע זאָגט אויך אזוי: נישט קיין קליין נארעלע, נאָר א נאר, א גרויסער נאר. אָבער פון וואנען ווייסט איר שוין?

— מען זעט שוין.

— אין וואָס זעט מען?

— אין פּאָנעם.

— טאקע? — זאָגט ארעלע פארכידעשט. — איך האָב גאָר נישט געוואוסט.

— האָסט נישט געוואוסט, אז דער נאר ליגט דיר אפן פּאָנעם?

— לאכן די קינדער.

— ניין.

ארעלע גייט אהיים און טאפּט זיך א גאנצן וועג דאָס פּאָנעם. ווען ער קומט אריין אין שטוב, לויפט ער צו צום טאטן מיט א סימכע.

— דו ווייסט? די קינדער ווייסן שוין, אז איך בין א נאר!

— האָסט זיי געזאָגט? — פרעגט דער טאטע א טרויעריקער.

— ניין, זיי זאָגן, אז דער נאר ליגט מיר אפן פּאָנעם. עס איז עמעס?

דער טאטע ענטפערט נישט און זיפצט און ארעלע לויפט צו צום שפּיגל, קוקט לאנג אף זיין פּאָנעם, זוכט דאָרט דעם נאר, נאָר

קען אים נישט געפינען.

— טאטע — פרעגט ער — דו זעסט אף מיין פּאָנעם דעם נאר?

— יאָ — זאָגט דער טאטע בייז — איך זע...

— פארוואָס זשע זע איך אים נישט?

— ווייל דו ביזט א נאר...

— א נאר צו זיין איז שיין?

— ניין, מיין קינד —זאָגט דער טאטע שוין ווייכער — א נאר צו זיין איז זייער מיעס...

ארעלע קלערט א גאנצע נאכט וואָס צו טון, אז ער זאָל נישט זיין קיין נאר און אף מאָרגן, קויפט ער א מאסקע און גייט אוועק אין שול.

די קינדער דערקענען אים נישט און פרעגן:

— ווער איז דאָס?

— טרעפט — זאָגט ארעלע.

— מוישעלע?

— ניין.

— יאנקעלע?

— אויך נישט.

— ווער זשע דען?

— עס איז ארעלע, ארעלע נארעלע.

— פארוואָס האָסטו אָנגעטון א מאסקע אפן פּאָנעם?

ארעלע לאכט.

— אז איר זאָגט, אז דער נאר ליגט מיר אפן פּאָנעם, האָב איך אָנגעטון א מאסקע, אז מען זאָל אים נישט זען.

די קינדער האָבן אלע געלאכט און געזאָגט, אז א נאר דער־קענט מען אפילע אונטער טויזנט מאסקעס און עס וועט אים גאָר־נישט העלפן.

ארעלע האָט אראָפּגענומען די מאסקע פון פּאָנעם און זיך פארטראכט:

— וואָס טוט מען, אז איך זאָל ווערן אוים נאר?

ארעלע וויל אז אנדערן נאָמען

פאראן צוויי יינגלעך, איצל און שייע, זיינען זיי גרויסע שטיפערס־ און ווען זיי געפינען זיך ביידע אפן גאס, טוען זיי אַפּ אזעלכע זאכן, אז אפילע דער בייזער אפטייקער מוז לאכן.

אנומלט, האָבן זיי געזען שטיין אַף דער גאס א מילך־וועגעלע, האָבן זיי גענומען און אויפגעשריבן מיט קרייד: „איך פארקויף ריינע וואסער, די בעסטע אין שטאָט. צען סענט א ליטער".

דער מילכמאן האָט דאָס נישט באמערקט און אזוי אויסגע־פאָרן די גאנצע שטאָט און וואו ער איז געקומען האָט מען געלאכט פון אים.

— איר פארקויפט אמאָל מילך אויך? — האָט מען אים געפרעגט.

— געוויס. וואָס איז דאָס פאר א פראגע?

— איר קענט מיר עפשער זאָגן בא וועלכן טייך איר נעמט די מילך?

פאראן אַף דער קוואדרע א בייזער טערק, האָט ער מוירע פאר הינט און פאר קעץ. איז ווי נאָר איצל מיט שייען דערטאַפּן א הונט, אָדער א קאץ, ווארפן זיי איר אריין גלייך צום טערק אין הויף און יענער ווערט אין קאעס און לויפט ארויס אפן גאס, שרייט און זידלט, סטראשעט מיט פּאָליציי.

— איך וועל אייך ווייזן! — זאָגט ער.

איינמאָל, איז דער טערק אוועק און געבראכט א ווישילאנט, האָבן איצל מיט שייען געמאכט אן אומשולדיק פּאָנעם און געזאָגט:

— מיר ווייסן גאָרנישט. די הינט מיט די קעץ לויפן אליין צו דעם סעניאָר אין הויף אריין...

— מיסטאמע — זאָגט איצל — דערשמעקן זיי, אז דאָרט איז דאָ א ביין...

אַף דערזועלבער גאַס, איז פאַראַן אַ בײַטלמאַכער, האָט ער ליב אַלע אָוונט אַרויסנעמען אַ שטרויענע ווײַגשטול אָפן גאַס און זי אַוועקשטעלן אין סאַמע מיטן טראָטואַר און נישט לאָזן די קינדער אַדורכפאָרן מיט די ביציקלעטן און מאָנאָפּאַטינען.

די קינדער בלייבן שטיין און בעטן זיך:

— דאָן פעלטע! לאָזט אַדורכפאָרן...

— רוקט זיך אָפּ אַביסל מיט דער שטול!

דאָן פעלטע, וואָס זיצט און לייענט די צייטונג, ווערט בייז און שרייט אָן אַף די קינדער:

— גייט אַוועק, לאָבוזעס...

— און אַז נישט?

— וועל איך אײַך אָנדרייען די אויערן.

דאָן פעלטע הויבט זיך אויף און די קינדער אַנטלויפן און ווען איצל מיט שייען זעען דאָס, זאָגן זיי:

— רעדט גאָרנישט, מירן אים שוין עפּעס אָפּטון.

— וואָס?

— מירן שוין אויסטראַכטן.

אַף מאָרגן, האָבן די צוויי שטיפערס געזען שטיין אָפן גאַס, נעבן פעלטעס שטול אַ ברויטוועגעלע, האָבן זיי גענומען אַ שטריק, צוגעבונדן איין עק צום ראָד פון וועגעלע און אַ צווייטן עק צו אַ פיסל פון שטול און ווען דאָס וועגעלע האָט אָנגעהויבן פאָרן, האָט עס מיטגעשלעפּט די שטול, אַף וועלכער עס איז געזעסן פעלטע און ער איז אַראָפּגעפאַלן און זיך שטאַרק צעקלאַפּט.

פעלטע איז געבליבן ליגן אַף דרערד און די שטול האָט זיך אַ שטיק וועג געשלעפּט נאָכן וועגעלע, ביז דער בעקער האָט זיך געכאַפּט און שטיין געבליבן.

פאַר דעם שפּיצל, האָבן די שטיפערס אפילו געכאַפּט אַן אָפּ־שניט פון זייערע טאַטעס און מען האָט זיי אפילו געסטראַשעט איינצוזעצן אויך, אָבער זייערס האָבן זיי אויסגעפירט, מער האָט

זיך שוין פעלטע נישט ארויסגעזעצט מיט דער שטול אין מיטן טראָטואר.

ווען די דאָזיקע צוויי שטיפערס האָבן זיך דערוואוסט, אז אף דער קוואדרע וואוינט א ייִנגעלע ארעלע, וואָס איז א נארעלע, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט.

— אויב אזוי, וועט שוין זיין פריילעך — האָבן זיי געזאָגט.

— וואָס אזוינס? — האָבן די קינדער געפרעגט.

— מיר וועלן אים שוין אָפטון שפיצלעך.

אין אָוונט, ווען ארעלע איז ארויסגעקומען אפן גאס, זיינען איצל מיט שייען באלד צוגעקומען צו אים.

— דו וואוינסט דאָ, ייִנגעלע? — האָבן זיי אים געפרעגט.

— יאָ.

— אויב אזוי איז גוט, וועלן מיר זיין כאוויירים, ווילסט?

— אוודע וויל איך — זאָגט ארעלע — מיין מאמע און מיין טאטע הייסן מיר זיין כאווער מיט אלע ייִנגלעך פון דער גאס.

— ווי הייסטו? — פרעגט איצל.

— ארעלע.

— און ווי האָסטו געהייסן נעכטן? — פרעגט שייע.

— אויך ארעלע.

— און אייערנעכטן?

ארעלע קוקט אָן די ייִנגלעך און פארשטייט נישט.

— איך הייס שטענדיק ארעלע — זאָגט ער.

— אלע טאָג ארעלע! — זאָגן די שטיפערס.

— יאָ.

— אויב אזוי, ביזטו טאקע א נארעלע. א ייִנגעלע דארף נישט הייסן אלע טאָג דעם זעלבן נאָמען.

— אוודע — זאָגט שייע — איך האָב פריער געהייסן יאַנקל און היינט הייס איך שייע.

— און איך האָב נעכטן געהייסן זאלמען און היינט הייס איך איצל.

— אזוי? — זאָגט ארעלע — איך האָב גאָרנישט געוואוסט!

— זאָלסטו טאקע וויסן — זאָגט שייע.

— וואו זשע נעמט מען אן אנדער נאָמען? — פרעגט ארעלע.

— מען קויפט.

— וואו קויפט מען?

— אין אפטייק.

— עס קאָסט אסאך?

— נישט אלע נעמען זיינען גלייך — זאָגט איצל — עס זיינען פאראן נעמען פאר צוואנציק סענט און אפילע פאר א פעזע.

— זאָג, וואָסער נאָמען דו ווילסט, וועל איך דיר זאָגן וויפל ער דארף קאָסטן — זאָגט שייע.

ארעלע קלערט און קלערט און זאָגט:

— איך וויל הייסן ריווקע.

— אזא נאָמען פארקויפט מען נאָר מיידלעך — זאָגט איצל.

— וועל איך זאָגן, אז איך בין א מיידל.

— מען זעט דאָך אָבער, אז דו ביזט א יינגל, דו טראָגסט הויזן און גייסט קורץ געשוירן.

— וועל איך הייסן שעפסל.

— אָט, דאָס איז א שיינער נאָמען.

— און א ביליקער. ער קאָסט צען סענט.

די קינדער פון דער גאס קלייבן זיך אלע ארום ארעלען און זיי לאכן אין די פויסטן, אָבער ארעלע נארעלע ווייסט גאָרנישט.

— גוט — זאָגט ער — וועל איך טאקע הייסן שעפסל.

— דוכט זיך מיר — זאָגט איין יינגעלע — אז דעם נאָמען שעפסל האָט מען נאָר וואָס פארקויפט.

— יאָ. איך האָב אליין געזען — זאָגט א צווייט יינגעלע.

— ווייסט איר וואָס — זאָגט ארעלע — איך וועל אייך מיט־נעמען, וועט איר מיר אויסקלייבן א נאָמען.

— גוט — זאָגן אלע.

— אָבער איר זאָלט מיר אויסקלייבן א נאָמען פון א קלוג ייִנגעלע.

— געוויס. וואָס דען, פון א נאריש ייִנגעלע!...

ארעלע לויפט ארײַן אין שטוב און קומט באלד ארויס מיט צען סענט.

— קומט — זאָגט ער — איך האָב שוין געלט.

ארעלע גייט אין אפטייק און אלע קינדער פון דער גאס גייען אים נאָך און שטיקן זיך פון געלעכטער.

דער אפטייקער זעט אזא כאָפּטע קינדער, בלײַבט ער שטיין פארוואונדערט.

— וואָס איז דאָ?

— גאָרנישט — זאָגט שייע און ווינקט צום אפטייקער — דאָס ייִנגעלע וויל עפּעס קויפן.

דער אפטייקער ווענדט זיך נײַגעריק צו ארעלען און פרעגט אים:

— וואָס ווילסטו, ייִנגעלע?

— גיט מיר פאר צען סענט א נאָמען — זאָגט ער.

אלע קינדער שיסן אויס א געלעככטער און דער אפטייקער פארשטייט נישט צום אָנהויב, וואָס ער וויל און פרעגט איבער נאָכאמאָל:

— וואָס ווילסטו?

— פאר צען סענט א נאָמען — זאָגט ווידער ארעלע.

די קינדער לאכן און דער אפטייקער לאכט אויך.

— וואָסער נאָמען ווילסטו?

— איך ווייס נישט — זאָגט ארעלע — איך וועל זיך אויסקלייבן.

— איך האָב נישט צו קלייבן — זאָגט דער אפטייקער — פאראן איין נאָמען און ער פאסט זיך פאר דיר ווייער.

— וואָסער נאָמען?

— ארעלע נארעלע.

— איך הייס דאָך שוין ארעלע נארעלע.

— ווּעסטוּ הייסן ארעלע שויטע.

ארעלע איז אריינגעלאָפן אין שטוב מיט א פרייד.

— מאמע! טאטע! איך הייס שוין נישט ארעלע נארעלע.

— ווי זשע הייסטוּ?

— ארעלע שויטע...

און ער האָט דערציילט די גאנצע געשיכטע. דער טאטע מיט דער מאמען האָבן טרויעריק געזיפצט:

— אזא נאר! אזא נאר!

ארעלע לאָזט זיך נישט אָפּנארן

ארעלע האָט געקויפט א בלייפעדער און געגאנגען א היים מאכן די לעקציעס. באגעגנט אים איצל אפן וועג און פרעגט אים פון וואנען ער גייט. זאָגט ער:

— כ'האָב געקויפט א בלייפעדער.

— וואָס דארפסטו א בלייפעדער?

— צו מאכן די יידישע לעקציעס.

— אזוי — זאָגט איצל — ווייז נאַר, עפּעס א גוטער בלייפעדער?

ארעלע גיט איצלען דעם בלייפעדער און ער באקוקט אים גוט פון אלע זייטן און זאָגט:

— ארעלע! ביזטו א נארעלע.

— פארוואָס?

— מען האָט דאָך דיך אָפּגענארט: דו דארפסט א יידישן בלייפעדער, האָט מען דיר געגעבן א שפּאנישן.

ארעלע עפנט ברייט די אויגן און קוקט אף איצלען פארבידעשט.

— וואָס איז די נאפקעמינע?

— עס איז שוין איינמאָל א נאפקעמינע: א יידישער בלייפעדער שרייבט יידיש און א שפאנישער — שפאניש.

— און מיט דעם בלייפעדער קען מען נישט שרייבן קיין יידיש?

— אוואדע נישט — זאָגט איצל — אָט וועל איך דיר באלד ווייזן, וועסטו זען.

איצל נעמט ארויס א שטיקל פאפיר פון קעשענע, שרייבט אויף א פאָר שפאנישע ווערטער און ווייזט ארעלען:

— נא, זע, עס איז יידיש צי שפאניש?

— שפאניש — זאָגט ארעלע.

— נו, וואָס זשע זאָגסטו איצט?

— דו ביזט גערעכט. מען האָט מיך טאקע אָפגענארט.

— דו לויף שוין צוריק אין קראָם און זאָג, אז מען זאָל דיר אויסטוישן דעם בלייפעדער. זאָג, אז מען זאָל דיר געבן א יידישן בלייפעדער, נישט קיין שפאנישן.

ארעלע נארעלע שטייט א ווילע און קווענקלט זיך.

— און אז דער מענטש וועט נישט וועלן?

— וואָס הייסט ער וועט נישט וועלן? ער וועט מוזן וועלן. אויב ער טוישט דיר נישט אויס דעם בלייפעדער, וועלן מיר רופן פאָליציי און מען וועט אים איינזעצן. מיינסט אז עס איז א העפקער וועלט און מען מעג אָפנארן א קינד?

ארעלע האָט געפאָלגט און אוועק אויסטוישן דעם בלייפעדער און איצל איז אוועקגעלאָפן צו זיינע כאווירים און זיי אין איין אָטעם דערציילט די געשיכטע ווי אזוי ער האָט אָפגענארט ארעלען.

אז די יאטן האָבן דערהערט די מייסע, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קאטשען פאר געלעכטער און אלע האָבן זיך אין גאלאָפ א לאָז געטון צו דער קראָם און זיך אוועקגעשטעלט דאָרט פאר דער טיר.

ארעלע איז געשטאנען מיטן בלייפעדער אין האנט און געהאלטן אין איין טיינען, אז מען האָט אים אָפגענארט; געגעבן א שפאנישן בלייפעדער אָנשטאָט א יידישן און דער קרעמער מיט זיין ווייב און

קינדער זיינען געשטאנען און זיך געהאלטן בא די זייטן פאר געלעכטער.

— געקויפט, איז געקויפט.

— האסט געדארפט באלד זאגן, אז דו ווילסט א יידישן בליי־פעדער — האט געזאגט די קרעמערקע.

— איך האב נישט געוואוסט, אז עס זיינען דא יידישע בלייפע־דערם און שפאנישע.

— א ייגגעלע, וואס גייט אין שולע דארף וויסן.

איצל, וואס איז געשטאנען בא דער טיר און שטארק אנגע־קוואלן פון זיין איינפאל, האט געמאכט אן ערנסט פאנים און אריין אין קראם.

— הערט זיך איין, רעב ייד — האט ער געזאגט — איר טוישט אים דעם בלייפעדער, צי נישט?

— ניין, איך טויש נישט, געקויפט איז געקויפט.

— אז איר וועט נישט אויסטוישן מיט גוטן, וועט איר אויס־טוישן מיט בייזן.

— וואס וועסטו מיר טון?

— כ'על רופן פאליציי.

— רוף.

איצל טוט א נעם ארעלען פאר דער האנט און זאגט:

— קום! ארעלע, מירן רופן א פאליציאנט.

איצל פירט ארעלען אוועק אפן ראג, וואו עס שטייט א פאלי־ציאנט און שטופט אים פארויס.

— גיי, ארעלע, דערצייל אים די געשיכטע.

— דערצייל אים דו.

— מען האט דאך דיך אפגענארט, נישט מיך.

דער וויזשילאנט זעט ווי איצל שטופט ארעלען ער זאל צוגיין צו אים, טוט ער זיי א רוף און זאגט:

— קומט אהער, קינדערלעך, וואס האט איר מיר געוואלט זאגן?

איצל טוט א ווינק צום וויזשילאנט, וואָס גרייט זיך שוין צו־
צו לאכן און דערציילט אים די גאנצע געשיכטע מיטן בלייפעדער.

דער וויזשילאנט האָט לאכנדיק אויסגעהערט די געשיכטע און
קלוימערשט אָן אויפגערעגטער געזאָגט:

— קום מיט מיר, איך וועל אים שוין ווייזן דעם קרעמער.

דער וויזשילאנט נעמט אָן ארעלען פאר א האנט און פירט אים
אוועק אין קראָם און די גאנצע גאס קינדער לויפן זיי נאָך.

— הערט זיך איין, סעניאָר — זאָגט דער וויזשילאנט — איר
זאָלט שוין ארעלען געבן אן אנדער בלייפעדער.

— און אז נישט?

— וועט מען אייך פארשיקן קיין „טיערא דעל פועגא".

אז דער קרעמער האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך געכאפּט
אן אנדער בלייפעדער און אים געגעבן ארעלען.

— נא דיר א יידישן בלייפעדער — האָט ער געזאָגט — אבי
פארשיק מיך נישט קיין „טיערא דעל פועגא", ווייל דאָרט איז קאלט
און איך האָב נישט קיין ווארעמען מאנטל.

אז ארעלע איז אהיימגעקומען און דערציילט זיין טאטן די
געשיכטע, האָט ער פון אים געלאכט:

— ארעלע — האָט ער געזאָגט — ביזט א נארעלע.

— פארוואָס?

— עס איז נישטאָ קיין יידישער בלייפעדער און קיין שפּאַ־
נישער. אָט וועל איך דיר ווייזן, אז איך שרייב מיטן זעלבן
בלייפעדער יידיש און שפּאניש.

דער טאטע האָט אָנגעשריבן א פּאָר ווערטער יידיש און א פּאָר
ווערטער שפּאניש און אים געזאָגט:

— נו, זעסט שוין, אז דער זעלבער בלייפעדער שרייבט יידיש
און שפּאניש?

ארעלע האָט געקוקט אפן פּאפּיר און געזאָגט:

— אוי, טאקע! אָבער — האָט ער באלד צוגעגעבן — איך
האָב דאָך אליין געזען ווי יענער בלייפעדער האָט געשריבן שפּאניש...

דער טאטע האָט געלאכט און די מאמע האָט געזיפצט.

— איי, ארעלע, ארעלע, ווי לאנג וועסטו נאָך זיין אזא נארעלע?

ארעלע האָט געהויבן מיט די פּלייצעס.

— איך ווייס נישט. זאָג מיר דו, ווי לאנג וועל איך נאָך זיין אזא נארעלע?

ער וויל און עראָפּלאַן

ארעלע נארעלע שטייט מיט די ביכער און העפטן אין האנט און וויינט. גייען דורך מענטשן, שטעלן זיי זיך אָפּ.

— וואָסי, ייִנגעלע?

— גאָרנישט — זאָגט ארעלע און וויינט.

— האָסט פארבלאָנדזשעט?

— ניין.

— עס האָט דיך עמעצער געשלאָגן?

— מען האָט מיך נישט געשלאָגן.

— וואָס זשע דען וויינסטו?

— ווייל איך וויל וויינען.

הערן די מענטשן אזעלכע רייד, גייען זיי אוועק.

קומט אָן איצל שפּיצל מיט זיין באנדע, בלייבן זיי שטיין.

— וואָס וויינסטו, ארעלע?

— גאָרנישט.

— ווער האָט דיך געשלאָגן?

— קיינער.

— פארוואָס גייסטו נישט אהיים?

— ווייל איך וויל נישט.

— פארוואָס ווילסטו נישט?

— איך האָב מוירע.

— פאר וועמען?

— פאר מיין טאטן.

— וואָסי?

ארעלע צעוויינט זיך נאָך מער און זאָגט:

— די לערערקע... מיר געשטעלט... שלעכטע נאָטעס...

די קינדער לאכן.

— וואָס זשע איז? אונדז האָט מען אויך געשטעלט שלעכטע נאָטעס און מיר וויינען נישט.

— מיר טאטע... צוגעזאָגט... קויפן אן עראָפּלאן, אויב ברענגען... גוטע נאָטעס — כליפּעט ארעלע.

— אזוי! — זאָגט איצל — דער טאטע האָט דיר צוגעזאָגט אן עראָפּלאן? אויב אזוי, מעגסטו טאקע וויינען, ארעלע, אן עראָפּלאן איז א שאָד.

איצל וויל שוין אוועקגיין, אָבער ארעלע צעוויינט זיך נאָך שטאַרקער.

— או ו ו ו ו ו...

— קינדער — זאָגט איצל — מען דארף עפּעס צוטראכטן. עס איז א ראכמאָנעס אף ארעלען.

— זאָל ער זיך נישט מאכן ווילסנדיק און זאָגן, אז מען האָט נאָך נישט געגעבן די ביכלעך — זאָגט איין יינגל.

— זאָל ער טון אזוי ווי איך, און זאָגן, אז די לערערקע האָט א טאָעס געהאט — זאָגט א צווייטער.

— יאָ — זאָגט איצל — אָבער וואָס וועט זיין מיטן עראָפּלאן? עס איז דאָך א שאָד א שפּילכל.

— טאקע — זאָגט א יינגעלע — מיט אן עראָפּלאן שפּילט מען זיך שיין.

די קינדער שטייען ארום ארעלען און קלערן, וואָס צו טון. און מיטאמאָל טוט איצל א געשריי:

— איך ווייס שוין עפּעס!

— וואָס?

— איך האָב אַן אייצע. ווילסט, ארעלע, דער טאטע זאָל נישט שרייען אף דיר?

— אוואדע וויל איך.

— ווילסט ער זאָל דיר קויפן אַן עראָפּלאַן?

— א שיינע פראגע!

— גוט. איך האָב געקראָגן גוטע נאָטעס, וועל איך זיך מיט דיר בייטן: איך וועל דיר געבן מיין ביכל און דו וועסט מיר געבן דיין ביכל.

— און דיין טאטע וועט נישט שרייען אף דיר?

— דאָס איז שוין נישט דיין דייגע. אָבער איין זאך, דער עראָפּלאַן זאָל זיין אף שוטפעס.

— גוט.

— איין טאָג וועט ער זיין מיינער און איין טאָג דיינער.

— כ'באשטיי.

ארעלע טוישט זיך מיט די ביכלעך און לויפט אהיים א פריילעכער.

— פאפא, כ'האָב געבראכט דאָס ביכל.

— מיט גוטע נאָטעס צי מיט שלעכטע?

— מיט גוטע.

— לאָמיר זען.

דער טאטע טוט אָן די ברילן, נעמט דאָס ביכל אין האנט און לייענט: אויפירונג — גוט; ריינקייט — וואויל; אין לערנען — אויסגעצייכנט. געפעלט אין שולע — זיבן טעג.

— האָ! — זאָגט דער טאטע — וואָס איז דאָס?

— כ'ווייס נישט...

— זיבן טעג האָסטו דעם כוידעש געפעלט אין שולע?

— וואָס! — זאָגט ארעלעס מאמע — זיבן טעג? עס קען נישט

זיין. ער האָט קיין איין טאָג אויך נישט געפעלט. סיידן, ער האָט מיך אָפּגענארט, געזאָגט אז ער גייט אין שולע און גאָר געגאנגען ערגעץ שפּילן זיך.

— איך נישט אָפּגענארט — זאָגט ארעלע— איך געווען אלע טאָג אין שולע.

— וואָס זשע דען שרייבט די לערערקע, אז דו האָסט געפעלט זיבן טעג?

ארעלע לאכט.

— נישט מיך מיינט זי, נאָר איצלען.

— איך פארשטיי נישט — זאָגט דער טאטע.

— ס'איז דאָך זיין ביכל!

— וואָאָאָס?! — שרייט אוים ארעלעס טאטע — איצלס ביכל?

— יאָ.

— וואָס זשע האָסטו מיר געבראכט איצלס ביכל און נישט דיין ביכל?

ארעלע נארעלע האָט געלאכט:

— מיין ביכל האָט געהאט שלעכטע נאָטעס און איצלס — גוטע, האָב איך זיך געביטן...

דער טאטע מיט דער מאמען האָבן זיך איבערגעקוקט.

— ווי געפעלט דיר א מייסע, האַ?

— דער עמעסער כאָכעם...

ארעלע נארעלע האָט געמיינט, אז דער טאטע וועט זיך פרייען מיט זיין ביוט און געווען זיכער, אז ער וועט אים באלד לויפן קויפן דעם צוגעזאָגטן עראָפּלאן. אָבער ווען ער האָט געזען, אז זיין טאטע איז גאָר בייז, האָט ער אים אָנגעקוקט פארכידעשט.

— טאטע! — האָט ער געזאָגט — דו האָסט געוואָלט איך זאָל דיר ברענגען א ביכל מיט גוטע נאָטעס, האַ?

— יאָ.

— נו, האָב איך דיר געבראכט. פארוואָס זשע ביסטו בייז?

— דאָס ביכל איז דאָך אָבער נישט דיינס!

ארעלע נארעלע וואונדערט זיך, ארעלע נארעלע פארשטייט נישט:

— אָבער ער האָט דאָך עס מיר געגעבן, איז דאָך עס מיינס...

— זאָגט ער — און רייסט דעם טאטן בא דער פאָלע אז ער זאָל אים קויפן דעם צוגעזאָגטן עראָפּלאן.

זוזאוזפרייד

דער פארשלאָפענער העלפאנט

סימעלע קומט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן און וויל זען דעם העלפאנט, טרעפט זי אים אויסגעצויגן אין זאמד און שלאָפן.

איז אן אנדערע מיידעלע, וואלט אוועקגעגאנגען שטיל אף די שפיץ־פינגער און נישט אָנגעמאכט קיין גערודער. איז דאָך אָבער סימעלע א שלעכטע, הויבט זי אָן שרייען:

— סעניאָר העלפאנט! סעניאָר העלפאנט!..

דרייען זיך ארום לעבן העלפאנט א פּאָר קראָליקעס, זאָגן זיי צו איר:

— ש־ש־ש, זעסט דאָך, אז דער העלפאנט שלאָפט.

— עס מאכט נישט אויס — זאָגט סימעלע, — ער מעג אויפשטיין, דער פּאָרעץ.

— אזוי! וואָס עפּעס?

— איצט איז נישט די צייט צו שלאָפן.

— וואָס זשע — פרעגן די קראָליקעס — דו ווייסט דעם העלפאנט זאָגן דייעס, ווען ער זאָל שלאָפן און ווען ער זאָל אויפשטיין?

— סי סעניאָר! — זאָגט סימעלע — איך האָב באצאָלט צען

סענט און וועל נישט אוועקגיין, ביז איך וועל זיך נישט דורכשמועסן מיט אים.

ווען די קראָליקעס האָבן בא זיך צען סענט, גיבן זיי באלד סימעלען אוועק איר געלט און הייסן איר גיין אהיים און נישט דולן קיין קאָפּ. האָבן זיי דאָך נישט, בעטן זיי זיך בא איר מיט גוטן:

— וואָס ווילסטו פון העלפאנט, קארג אנדערע כייעס זיינען דאָ? גיי זען די מאלפעס, דעם לייב, דעם בער.

— ניין — זאָגט סימעלע — איך בין געקומען זען דעם העלפאנט.

סימעלע שרייט וואָס אמאָל העכער און העכער.

— סעניאָר העלפאנט!.. סעניאָר העלפאנט!..

— הער אויף — מישן זיך שוין אריין די טויבן — ער איז נעבעך מיד, לאָז אים שלאָפן.

— מיד! וואָסי, ער האָט געבראכט צו שלעפן קלעצער פון וואלד?

— ניין, ווער זאָגט דען?

— און אז עס קומט א גאסט, איז גלאט נישט קיין דערעכערעץ צו שלאָפן.

— גערעכט — זאָגן די טויבן — אָבער דו האָסט אים דען געמאָלדן פריער, אז דו וועסט קומען?

— ניין.

— אויב אזוי, וואָס־זשע האָסטו צו אים א טיינע?

אן אנדער מיידעלע וואָלט באלד איינגעזען, אז זי איז אומגערעכט און אוועקגעגאנגען, אָבער סימעלע איז דאָך עפּעס א שפּארניאק, וויל זי פאר קיין פאל נישט אָפּטרעטן און שרייט:

— העלפאנט! העלפאנט! שטיי אויף, דו האָסט א גאסט. איך, סימעלע, בין געקומען.

דער העלפאנט עפנט אויף איין אויג, טוט א קוק אפן מיידעלע, דרייט זיך פויל איבער אף דער אנדערער זייט און שלאָפט ווידער איין.

סימעלע שרייט:

— העלפאנט! איך דארף דיר עפּעס זאָגן...

דער העלפאנט שלאָפט.

— איך האָב דיר געבראכט צוקערקעס.

— גוטע צוקערקעס, זיסע — שרייט סימעלע.

דער העלפאנט עפנט ווידער אויף אן אויג, טוט א קוק אפן שקאָרמיץ און שלאָפט ווידער איין.

— אזוי! — זאָגט סימעלע, — ווילסט נישט קיין צוקערקעס, דארף מען נישט.

דאָס מיידעלע נעמט ארויס א צוקערקע, לייגט אריין אין מויל, און באלעקט זיך.

— איי, גוט! — זאָגט זי — געשמאקע צוקערקעס, א מעכייע!..

די מאלפּעס, וואָס געפינען זיך נישט ווייט פון העלפאנט, זעען א מיידעלע מיט א שקאָרמיץ צוקערקעס, הויבן זיי אָן טאנצן און שפּרינגען און מאכן קאָלערליי קונצן.

— קום, מיידעלע, צו אונדז — זאָגן זיי — האָסט א געשעפט מיטן העלפאנט, זעסט דאָך, אז ער איז א פעפער.

סימעלע גייט צו צו די מאלפּעס און זיי דערפרייען זיך מיט איר: מאכן קאָזשעלקעס, הוידען זיך, און זאָגן:

— אָבער אזעלכע קונצן מאכן ווי מיר, קען ער נישט, דער העלפאנט.

— אוודאי נישט — זאָגט סימעלע — ער קען נאָר פּאָפן...

און דאָס מיידעלע האָט צוגעזאָגט די מאלפּעס, אז ווען זי וועט נאָכאמאָל קומען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, גייט זי שוין אפילע נישט צו צום העלפאנט.

— איך בין מיט אים ברויגעז אפן גאנצן לעבן, — האָט זי געזאָגט.

דאָס קינד און דער ווינט

א קליין, בלאָנד מיידעלע, מיט לאנגע געדרייטע לאָקן, זיצט באם אָפענעם פענצטער פארנאכט און קוקט ארויס אפן גאס. גייט דורך א זומערדיק ווינטעלע און טוט איר א גלעט איבערן קעפל.

דאָס מיידעלע איז א שיינע, א גוטע, א קלוגע און איז געוואוינט מען זאָל זי גלעטן און זי וואָלט עפשער גרויס האנאָע געהאט פון גלעט אויך, איז זי אָבער שטאַרק פארקלערט און פארטראכט און זי פילט אפילע נישט, אז מען גלעט איר.

זעט עס דער ווינט, פארדריסט עס אים.

— איך האָב דיך ליב, איך גלעט דיך און דו — גארנישט, מאכסט זיך אפילע נישט ווייסנדיק, הא?

אן אנדער ווינט, וואָלט עפשער ברויגעז געוואָרן און אוועק־געגאנגען, איז דאָך עס אָבער געווען א גוטער ווינט, א ווינט, וואָס האָט ליב א קינד, האָט ער גענומען און געגעבן דאָס מיידעלע נאָך א גלעט איבערן פאָנים.

— כאנעלע, גיב א שמייכל — בעט ער זיך בא איר.

אָבער כאנעלע איז שטאַרק פארקלערט: אפן הימל גייען ארום שטיקער וואָלקן, איז א מעכייע צו קוקן אף זיי. איין שטיקל וואָלקן זעט אויס, ווי א שיף און די שיף דוכט זיך, שווימט צווישן בערג מיט אייז און אָט, אָט, שטויסט זי זיך אָן אין די דאָזיקע שטיקער אייז און כאנעלע איז טאקע פארינטערעסירט צו זען, וואָס דאָ וועט זיין: וועט די שיף דורכברעכן די שטיקער אייז און ארויס בעשאָלעם, אָדער זי וועט צעשמעטערט ווערן?..

איז אן אנדער ווינט, זעסט דאָס קינד איז פארקלערט, נעם און טרעט אָפּ אף א ווײַלע, איז נײן, וויל ער נאָר אז זי זאָל איבערלאָזן די שיף מיטן אייז־יאם און זיך שפּילן מיט אים.

— כאַנעלע! — טוט דער ווינט א ברום — קוק זיך אום אַף מיר...

דער ווינט ווערט שוין אביסל אומגעדולדיק און טוט א בלאָז דעם מיידעלע אין פּאָנים אריין.

כאַנעלע אָבער, הערט נישט. פאַר איר איז איצט דער הימל א גאַנצער בוך מיט מייסעלעך. אָט איז שוין נישטאָ קיין שיף, קיין אייז־יאַם, נאָר א פעלד מיט שטיקער וואַטע און עמעצער גייט דאָרט אום און בלאָזט צענויף די שטיקער וואַטע, טשעפּעט זיי צו איינע צו די אַנדערע און מאַכט פון זיי גאַנצע וואַטע־בערג.

— איי, וואָלט גוט געווען — טראַכט זי — זיך צו געבן א וואָרף אריין אין אָט דעם באַרג וואַטע און זיך א קאָלער טון אין אים ווי אין א גרויס בעט מיט בעטגעוואַנט.

צי דער ווינט האָט געוואוסט, וואָס כאַנעלע זעט און טראַכט, ווייס איך נישט. איך האָב אים נישט געפרעגט און ער האָט מיר נישט געזאָגט. איך ווייס נאָר, אז ער האָט גענומען און געגעבן כאַנעלען אזא בלאָז איבערן קעפּל, אז ער האָט איר צעוואָרפן די האָר און די שיינע געלאָקטע צעפּלעך זיינען איר אריינגעפאַלן אין די אויגן און איר פאַרשטעלט דעם הימל מיט די וואַטע־בערג.

כאַנעלע איז בייז געוואָרן און האַסטיק א וואָרף געטון דאָס קעפּל, פאַרשאַרט די אַראָפּגעפאַלענע האָר און ווידער געקוקט אין הימל אריין.

איצט, איז שוין דער הימל נישט געווען קיין בוך, נאָר א לייוונט, און איר האָט זיך געדוכט, אז זי זיצט נאָר אין א קינאָ און זעט דורכמאַרשירן פאַר איר קינדער מיט ווייסע כאַלאַטלעך.

וואו די קינדער גייען, ווייסט זי נאָך נישט. עפּשער, גייען זיי ערגעץ שפּאַצירן אין א פּאַרק און עפּשער גייען זיי גאָר אין שולע אריין?

כאַנעלע דערמאַנט זיך באַלד אין איר שולע און איר דוכט זיך, אז דאָס גייט זי טאַקע צוזאַמען מיט יענע קינדער. אָבער דער ווינט, דער שטיפער, וויל נישט אָפּטרעטן און ער נעמט און גיט

איר אזא בלאָז אין די אויגן, אַז זי מוז זיי גלייך צומאַכן און אוועק־
דרייען דעם קאָפּ.

— כאַנעלע! — שרייט דער ווינט — זיי נישט אַזוי שלעכט,
טו אַ קוק אויף מיר...

— אַהאַ! — זאָגט כאַנעלע — דאָס ביזטו...

— יאָ, איך — זאָגט דער ווינט און טוט איר שטיפעריש אַ
צעוואָרף די האָר איבערן פּאָנים.

דאָס מיידעלע ווערט בייז.

— לאָז מיך צורו!

זי טוט אַ קוק אויפן הימל און זעט שוין נישט קיין שיפן מיט
קיין אייזבערג, זעט שוין נישט קיין וואַטע, קיין שול־קינדער מיט
ווייסע כאַלאַטלעך, נאָר גרויסע שוואַרצע שיפן, וואָס שווימען אַרום
צווישן וואַלפיש און יאַם־בערן, די וואַלפיש רוקן זיך לאַנגזאַם צו די
שיפן און אָט קריכן זיי אַרויף איינע אויף די אַנדערע.

— כאַנעלע! — זאָגט דער ווינט.

כאַנעלע קוקט זיך נישט אום און דער ווינט ווערט שוין בעעמעס
בייז און כאַפּט אַ הויפן זאַמד און טוט כאַנעלען אַ יאָג אַריין גלייך
אין די אויגן.

אַוודאי, איז דאָס שוין צופיל און דאָס מיידעלע ווערט שוין
גוט אין כּעס.

— האָסט דאָך מיך געקענט בלינד מאַכן — זאָגט זי.

— האָב איך.

און ער נעמט ווידער און טוט איר אַ בלאָז אין פּאָנים אַריין
אַ הויפן שטויב.

אוועקשטעלן קריגן זיך מיט אים, איז נישט קעדאַי, נעמט
כאַנעלע און גייט אַריין אין שטוב.

פאַרדריסט עס שוין דעם ווינט גאָר אויף אַן עמעס.

— איך האָב דיר ליב, קום פון אויסרייסעניש שפּילן זיך מיט
דיר און דו גאָר, אַנטלויפסט פון מיר, האַ?

דער ווינט טוט פון כּעס אַזאַ בלאָז, אַז ער יאָגט אַראָפּ פון

טיש א בלאט, ווארפט אום א בלומענטאָפּ און גיסט אויס דאָס וואסער אפן טיש. כאנעלע טוט א קוק ארויס אפן גאס און זאָגט:

— פּע! סעניאָר ווינט, עס איז נישט שיין פון דיר.

— און פון דיר איז יאָ שיין? — פרעגט דער ווינט.

— שיין.

דער ווינט איז שוין אויפגערעגט און ער טוט א טראסקע צו דעם לאָדן מיטן פענצטער און האקט שיר אויס א שויב.

זעט דאָס מיידעלע, אז דער ווינט איז געוואָרן ווילד, נעמט זי און פארמאכט דאָס פענצטער מיטן לאָדן און זעצט זיך אוועק באַם טיש עפּעס לייענען.

אַן אנדער ווינט, נעם זאָג א גוטע נאכט און גיי אוועק, ניין, נעמט ער און שטעלט זיך אוועק רייסן דעם לאָדן מיטן פענצטער און קלאפּט און טראסקעט אין דאך, בראזגעט אין די שויבן אזוי, אז ער ווארפט אַן אף כאנעלען א שרעק.

כאנעלע האָט אים וויפל מאָל געוואָרנט:

— געדענק, כ'על מיט דיר ברויגעז ווערן אף א גאנץ לעבן.

אָבער, ער האָט וואָס אמאָל געברומט שטארקער — זשואי, זשואי...

א גאנצע נאכט האָט דער ווינט אָפּגעגעבן קאָנצערט אין דרויסן, געשפּילט אף די עלעקטרישע דראָטן, געטאנצט אפן דאך, געפּויקט אין די שויבן, געריסן די טיר, די לאָדנס, אָבער א פייג האָט ער אויסגעפירט. כאנעלע האָט זיך אוועקגעלייגט אין בעט און אָפּגע־שלאָפן געשמאק די נאכט און ווען זי איז אף מאָרגן אויפגעשטאנען, האָט זי זיך דערוואוסט, אז דער ווינט איז די נאכט מעשוגע געוואָרן און אומגעוואָרפן בוימער, סלופּעס, אראָפּגעריסן דעכער און קוימענס און זי איז געוואָרן גוט בייז.

— ווער זאָל זיך עס ריכטן אף אים, דוכט זיך געווען אזא שטילער, אזא גוטער...

און זי איז געוועזן גרייט ברויגעז צו זיין מיטן ווינט א גאנצן

לעבן, אָבער ער איז באַלד צוגעקומען, איר געגלעט איבערן קאָפּ, איבערן פּאָנים און איר געבעטן:

— זיי כאַוועד, כ׳על שוין מער נישט.

און כאַנעלע האָט זיך מיט אים איבערגעבעטן.

— מיילע — האָט כאַנעלע געזאָגט — דאָס מאָל שענק איך דיר, אָבער נאָכאַמאָל, זאָלסטו נישט זיין קיין לאָבוז.

דעם טאַטנס בריוועלע

ברײַנדעלע איז געוואָרן אַ בריוועטרעגער. זי האָט אָנגעטון דעם ברודערס היטל גענומען אַפּן אַקסל זיין שול-ראַניעץ און אַרוים פּאַרנט, פאַר דער טיר און אָנגעקלאַפּט.

— ווער איז? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— ס׳איז איך, דער בריוועטרעגער.

— וואָס ווילט איר?

— כ׳האָב אייך געבראַכט אַ בריוועלע.

— פון וועמען?

— פון אייער מיידעלע ברײַנדעלע.

— וואָס שרייבט זי?

— לייענט איבער וועט איר וויסן.

די מאַמע עפנט די טיר און ברײַנדעלע דערלאַנגט איר אַ שטיקל פּאַפּיר.

— דאָס איז דאָס בריוועלע?

— יאָ.

— עס איז דאָך גאָרנישט אָנגעשריבן?

— גייט, סעניאָרא — זאָגט בריינדעלע — איר קענט נישט לייענען. גיט מיר דאָס בריוועלע, וועל איך אייך זאָגן, וואָס דאָ שטייט.

— גוט — זאָגט די מאמע — לאָמיר טאקע הערן, וואָס מיין מיידעלע שרייבט מיר.

בריינדעלע נעמט אין האנט דאָס פאפירל און זאָגט:

— הערט, סעניאָרא, אייער מיידעלע שרייבט אייך אזוי: ליבע מאמע...

— נישט מער?

— איך האָב דיך זייער ליב... און — שוין.

— דאָס איז דער גאנצער בריוו?

— יאָ.

די מאמע נעמט דאָס פאפירעלע און טראָגט עס צו דעם טאטן.

— זע נאָר — זאָגט זי — איך האָב דערהאלטן א בריוועלע פון בריינדעלען.

— וואָס שרייבט זי?

— זי שרייבט, אז זי האָט מיך זייער ליב.

— אזוי — זאָגט דער טאטע — איך בין שוין ברויגעז מיט איר.

— פארוואָס?

— דיר שרייבט זי בריוועלעך און מיר נישט.

בריינדעלע הערט וואָס דער טאטע זאָגט און לויפט ווידער ארוים פאר דער טיר און קלאפט אָן.

— ווער איז? — פרעגט דער טאטע.

— ס'איז איך, דער בריווטרעגער.

— וואָס איז?

— כ'האָב געבראכט א בריוועלע.

— פאר וועמען?

— פאר בריינדעלעס טאטע.

דער טאטע הויבט זיך אויף און גייט צו צו דער טיר און

בריינדעלע דערלאנגט אים א שטיקל פאפיר. וואָס דער טאטע דרייט פון אלע זייטן.

— דאָס איז דאָס בריוועלע?

— יאָ.

— עס איז דאָך א ליידיק שטיקל פאפיר?

— גייט, סעניאָר — זאָגט בריינדעלע — איר קענט נישט לייענען. גיט מיר דאָס בריוועלע וועל איך אייך זאָגן וואָס דאָרט שטייט.

— אדעראבע, לאָמיר הערן.

בריינדעלע נעמט דאָס בריוועלע און הויבט אָן לייענען:

— ליבער טאטע...

— ווייטער?

— כ'האָב דיך זייער ליב...

— נו?...

— און — שוין.

— דאָס איז דער גאנצער בריוו?

— יאָ.

דער טאטע נעמט דאָס פאפירל און ווייזט עס דער מאמען.

— שטיי נישט אין גרויסן — זאָגט ער — איך האָב שוין אויך א בריוועלע.

אין א פאָר מינוט ארום טוט בריינדעלע אוים דאָס היטל, נעמט אראָפּ דעם שול־ראַניעץ פון אקסל און גייט צו צו דער מאמען מיט א טיינע:

— מאמא — זאָגט זי — האָסט דערהאלטן א בריוועלע פון דיין מיידעלע?

— יאָ.

— פארוואָס זשע ענטפערסטו נישט?

— ס'איז דען אן עמעס בריוועלע?

— יאָ.

— נו, גוט. איך וועל שוין ענטפערן.

די מאמע נעמט א ליידיק שטיקל פּאַפּיר און דערלאַנגט איר.
— דאָ האָסטו דעם ענטפער.
— עס איז דאָך גאָרנישט אָנגעשריבן?
— גיי שוין גיי — זאָגט די מאמע — דו קענסט נישט לייענען.
גיב מיר דאָס בריוועלע וועל איך דיר איבערלייענען.
ברײַנדעלע דערלאַנגט איר דאָס פּאַפּירעלע און די מאמע לייענט.
— מײַן ליב טעכטערל, איך האָב דיך פּיינט...
— איך וויל נישט, — זאָגט ברײַנדעלע — לייען אַף אַן עמעס.
— עס שטייט אַזוי אָנגעשריבן.
— ניין. עס שטייט נישט אַזוי.
— נו, גוט. מײַן ליב טעכטערל, איך האָב דיך ליב.
— אַסאַך ליב?
— אַסאַך ליב.
— ערשט דאַרף דער טאַטע ענטפערן — זאָגט ברײַנדעלע.
— וואָס זאָל איך דיר ענטפערן? — פרעגט דער טאַטע.
— דו ווייסט אַליין.
דער טאַטע נעמט א בלייפעדער און שרײַבט עפּעס אָן אַף א שטיקל פּאַפּיר און זאָגט:
— גוט. דאָ האָסטו אַן עמעס בריוועלע.
— לייען מיר איבער — זאָגט ברײַנדעלע.
— ניין, — זאָגט דער טאַטע — דאָס בריוועלע באַהאַלט און ווען דו וועסט גיין אין שול אַרײַן און זיך אויסלערנען לייענען, וועסטו מיר זאָגן, וואָס דאָרט שטייט און איך וועל דיר דערפאַר קויפן עפּעס א שיינע זאַך.
ברײַנדעלע האָט דאָס בריוועלע באַהאַלטן און אַלע טאָג, ווען זי שטייט אויף פרעגט זי:
— מאמע, איך בין שוין גרויס?

כאנעלע האָט זיך אויסגעלערנט יידיש

ווען כאנעלע קומט אהיים פון שולע, זעט זי אפן טיש ליגן א בריוו און פרעגט:

— פון וועמען איז דער בריוו?

— פון זיידן — זאָגט איר די מאמע.

— וואָס שרייבט ער?

— לייען איבער, וועסטו וויסן.

כאנעלע, וואָס לייענט שוין אביסל, נעמט דעם בריוו אין האנט אריין און לייגט אים באלד צוריק אוועק.

— ס'איז געשריבן יידיש.

— איז וואָס?

— יידיש קען איך נישט.

— שאַ! — זאָגט די מאמע — שריי נישט אזוי הויך, מענטשן וועלן הערן, אז א יידיש מיידעלע קען נישט קיין יידיש, וועלן זיי לאכן.

— איך לאך שוין — זאָגט דער טאטע — א יידיש מיידעלע קען נישט איבערלייענען קיין יידיש בריוועל!..

— וואָס בין איך שולדיק — זאָגט כאנעלע — אז אין דער שולע לערנט מען נישט קיין יידיש?

— אין דער שולע לערנט מען נישט שפילן אין קיין פעלאָטע און פונדעסטוועגן קענסטו — זאָגט די מאמע.

— און שפרינגען, שטיפן, קריכן אף די ווענט לערנט מען אויך נישט אין שולע און דאָך קענסטו — זאָגט דער טאטע.

כאנעלע טוט אוים דאָס ווייסע כאלאטל, לייגט אוועק די ביכער מיט די העפטן און בעט מען זאָל איר זאָגן, וואָס דער זיידע שרייבט.

— ער שרייבט, אז ער וויל דיך זען — זאָגט די מאמע.

— טאקע? — זאָגט כאַנעלע, — זאָל ער קומען צופאָרן.

— ער וועט קומען און דיר ברענגען אסאך שפּילעכלעך.

— אזוי! — דערפרייט זיך כאַנעלע און הויבט אָן טאנצן.

— אָבער, ער בעט, אז דו זאָלסט אים פריער שרייבן א בריוול, אז דו ווילסט, אז ער זאָל קומען.

כאַנעלע לויפט צו צו אירע שול־העפטן, נעמט א פעדער און וויל שרייבן, אָבער די מאמע לאכט.

— ווי אזוי וועסטו אים שרייבן, שפּאניש?

— יאָ.

— דער זיידע קען נישט לייענען קיין שפּאניש.

— כאַנעלע בלייבט זיצן טרויעריק.

— וואָס זשע טוט מען?

— לערן זיך אויס יידיש — זאָגט די מאמע.

— עס דארף נישט דויערן לאנג, אין פיר וואָכן קענסטו שרייבן דעם זיידן א בריוועלע אין יידיש.

— עס איז דאָך נישטאָ קיין יידישע שולע אין דער געגנט.

— די מאמע וועט דיר לערנען.

— אויב זי וועט מיר באצאָלן — זאָגט די מאמע מיט א שמייכעלע.

— איך האָב נישט קיין געלט, — זאָגט כאַנעלע.

— וועסטו איר באצאָלן מיט קושן. פאר יעדער לעקציע צען קושן.

— עס איז צו ביליק.

— איז צוואנציק קושן — זאָגט כאַנעלע.

— וויניק.

— הונדערט קושן!

— דאָס איז שוין א גאנץ שיינער פּרייז — זאָגט דער טאטע — ווען איך האָב צייט, מאך איך עס פאר וויניקער.

די מאמע איז איינגעגאנגען און אף מאָרגן, האָט זי געקויפט א יידיש ביכל און גענומען כאַנעלען לערנען לייענען.

— דו זעסט, דאָס איז אזוי ווי א שפּאנישער „אַ״.
— אזוי ווי א גרויסער, צי א קליינער?
— ווי א גרויסער און ווי א קליינער.
— אוי, זאָגט כאנעלע — נישטאָ קיין גרויסער „אַ״ און קיין קליינער?
— עס זיינען אמאָל געווען צוויי: א גרויסער און א קליינער, — זאָגט די מאמע — האָבן זיי זיך שטענדיק געהארגעט און געשלאָגן, האָט מען איינעם פון זיי געגעבן דעם וועג.
— וועלכן, דעם גרויסן, צי דעם קליינעם?
— דעם גרויסן, פארשטייט זיך, ווייל א גרויסער דארף זיין אביסל קליגער און נישט שלאָגן זיך.
— גערעכט — זאָגט כאנעלע.
— און דאָס איז אזוי ווי א שפּאנישער „בע״, קוק זיך גוט איין.
— בע, בע, בע — כאזערט זיך איין כאנעלע.
דער טאטע קומט אָן און הערט כאנעלען שרייען: „בע, בע, בע״. זאָגט ער:
— וואָס רייצסטו זיך אזוי מיט דער מאמען?
— איך רייץ זיך נישט — זאָגט כאנעלע.
— וואָס זשע שרייסטו צו איר בע, בע, בע?
די מאמע לאכט.
— ער ווייסט נישט, אז דו לערנסט זיך אזוי.
אז די מאמע האָט פארענדיקט די ערשטע לעקציע, האָט איר כאנעלע באלד ארומגענומען און געזאָגט:
— איצט, וועל איך דיר באצאָלן.
און זי האָט איר אָנגעהויבן ציילן קושן:
— איינס, צוויי... צען...
— כאנעלע — זאָגט דער טאטע — דערצייל נישט קיינעם, אז דו באצאָלסט מיט קושן, ווייל אז דער באלעבאָס מיינער וועט געוואויר ווערן, וועט ער מיר אויפהערן געבן געלט פאר דער ארבעט און מיר אויך וועלן צאָלן מיט קושן...

כאנעלע לאכט.

— איך וועל באצאָלן דער מאמען מיט נאָך עפּעס אויך.

— א שטייגער מיט וואָס? — פרעגט איר דער טאטע.

— זי לערנט מיך יידיש, וועל איך איר לערנען שפּאניש.

— דאָס איז אן איינפאל — זאָגט די מאמע.

— גוט, וועלן מיר טאקע זען, ווער עס איז א בעסערע שילערן, דו צי די מאמע.

— וועלן מיר טאקע זען — זאָגט כאנעלע.

— ווייסט איר גאָר וואָס, פארוועט זיך ווער עס וועט זיך פריער אויסלערנען לייענען און שרייבן, דער קריגט בא מיר א מאטאָנע.

— איך וועל זיך אויסלערנען פריער יידיש — שרייט כאנעלע.

— ניין! — איך וועל זיך פריער אויסלערנען שפּאניש — זאָגט די מאמע.

— וועלן מיר זען.

— וועלן מיר טאקע זען.

פון דעמאָלסט אָן איז שוין אוועק צוויי כאדאָשים און כאנעלע לייענט שוין יידיש און איר מאמע לייענט שוין שפּאניש, אָבער דעם געוועט האָט געוואונען כאנעלע און דער טאטע האָט איר געקויפט א יידיש ביכל מיט מייסעלעך אלס מאטאָנע.

פרילינג אין לאנד

אין ווינטערלאנד, איז איינמאָל געווען א גרויסער שטורעם, האָט דער ווינט פארטראָגן אהין א ציימונג, פון וועלכער מען האָט זיך דערוואוסט, אז ווייט, ווייט און נאָך ווייטער, איז פאראן א זומערלאנד, וואו עס איז זייערווארעם.

האָט מען געקלערט און געטראַכט — ווי אַזוי ברענגט מען פון דאָרט אביסל זומער?

זאָגט איינער.

— גיט מיר זעקס מענטשן, גיי איך מיט זיי אַהין און ברענג אייך פולע זעק מיט זומער.

— גוט — זאָגט מען אים — קלייב דיר אויס וועמען דו ווילסט.

דער מענטש האָט באַלד אויסגעקליבן צו זיך נאָך זעקס, זיך געזעגנט מיט אַלעמען און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

גייען אַוועק וואָכן, כאָדאָשים — די מענטשן קומען נישט צוריק.

פרעגט מען:

— וואָס קען עס זיין?

זאָגט איינער:

— מיסטאָמע, איז זיי אין יענעם לאַנד אַזוי גוט, אַז עס גלוסט זיך זיי נישט צוריקצוקומען.

— וואָס זשע טוט מען?

זאָגט איינער:

— גיט מיר זעקס מענטשן, וועל איך גיין זיי זוכן.

דער מענטש קלויבט אויס זעקס שטאַרקע מענטשן און אַלע נעמען זיי גרויסע זעק, געזעגענען זיך אָפּ מיט יעדן און לאָזן זיך אין וועג אַריין.

גייען אַוועק טעג, וואָכן, כאָדאָשים — און די מענטשן קומען אויך נישט צוריק.

פרעגט מען:

— וואָס האָט פּאַסירט?

זאָגט איינער:

— זיי טראָגן שווערע זעק מיט זומער, גייען זיי פּאַמעלעך.

— ניין — זאָגט אַ צווייטער — עס איז זיי אין יענעם לאַנד אַזוי גוט, גלוסט זיך זיי נישט צוריקצוקומען.

— וואָס זשע טוט מען?

— גיט מיר זעקס מענטשן, וועל איך גיין זיי ברענגען.

איז פאראן איינער אן אלטער, זאָגט ער:

— גענוג. איצט געטרויען מיר שוין נישט קיינעם.

— וואָס זשע טוט מען?

— לאָמיר גיין אלע.

זיינען די איינוואוינער פון קאלטן לאנד מאסקים און לאָזן זיך אלע אין וועג אריין, צום זומערלאנד.

די מענטשן גייען א טאָג, צוויי, דריי און א וואָך, ביז איינמאָל, זעען זיי א גרויסע מאכנע מענטשן גייען זיי אנטקעגן.

— ווער קען דאָס זיין! — פרעגן זיי זיך דערשראָקן.

— לאָמיר גיין שנעלער.

— ניין. בעסער אנטלויפן צוריק.

די פאכדאָנים זיינען טאקע אנטלאָפן צוריק אהיים, אָבער די געוואגטערע זיינען געגאנגען פאָרויס און פארנאכט האָבן זיך ביידע מאכנעס מענטשן צענויפגעטראָפן.

— ווער זיינט איר?

— און איר ווער זיינט?

— מיר זיינען פון זומערלאנד.

— מיר זיינען פון ווינטערלאנד.

— מיר גייען טאקע צו אייך נאָך אביסל זומער.

— מיר גייען צו אייך נאָך אביסל ווינטער.

— בא אונדז איז דאָ צופיל זומער...

— בא אונדז איז דאָ צופיל ווינטער...

די מענטשן שטעלן זיך אָפּ און הויבן אָן פארהאנדלען.

— גוט. אויב איר ווילט אונדזער ווינטער, ברענגט אונדז אייער זומער.

און די מענטשן האָבן זיך צוריק געלאָזט אין זייערע לענדער און אין א וואָך ארום זיך געטראָפן מיט זעק אויף די פּלייצעס.

— דאָ האָט איר אונדזערע קעלטן.

— דאָ האָט איר אונדזערע היצן.

ווען זיי האָבן אראָפּגעשטעלט די זעק אויף דער ערד און זיי

געעפנט, זיינען דער זומער מיטן ווינטער ארויסגעשפּרינגען, זיך איבערגעקוקט א ווײלע און באלד זיך ארומגענומען און זיך צוקושט...

ווען די מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט האָבן זיי דערזען, אז איבער זייערע קעפּ הענגט א לויטערער בלויער הימל און באַמערקט, ווי די בוימער האָבן זיך ווי פּלוצים צעבליט און עס האָבן אָנגעהויבן גרינען די פעלדער און וועלדער און זיי האָבן געזאָגט:

— ווען זומער און ווינטער צוקושן זיך, ווערט, ווייזט אויס, פרילינג.

כײעלעס לערערקע

מוישעלע און כײעלע זײנען שכנים. וואוינען אײנס קעגן ס'אנדערע און שפּילן זיך טאָמער צוזאמען, דערציילן זיך מייסעלעך, לערנען זיך לידעלעך און העלפן זיך ביידע מאכן די לעקציעס.

מוישעלע גייט אין אן אנדער שולע און כײעלע אין אן אנדערער און א פּאָר מינוט נאָך האלב פינף, טרעפן זיי זיך אפן גאס. כײעלע קומט צולויפן פון רעכטס, מוישעלע פון לינקס און ווי נאָר זיי דערזעען זיך פון ווייטן, לויפן זיי זיך אנטקעגן.

— ווייז נאָר דיין העפט, מוישעלע.

— ווייז מיר דו דיינעם.

די קינדער בייטן זיך מיט די העפטן, בלעטערן זיי.

— דו שרייבסט שיין — זאָגט מוישעלע.

— און דו אויך — זאָגט כײעלע.

— בא אונדז האָט היינט די לערערקע דערציילט א שיין מייסעלע.

— און בא אונדז האָט מען אויסגעלערנט א נײ לידעלע.

— וואָסער לידעלע?

— אז דו וועסט מיר דערציילן דאָס מייסעלע, וועל איך דיר זינגען דאָס לידעלע.

— גוט.

די קינדער זעצן זיך אוועק אַף א שוועל און מוישעלע זאָגט:

— נו, זינג דיין לידעלע.

— ניין. דערצייל פריער דאָס מייסעלע.

מוישעלע הויבט אָן:

— אמאָל איז געווען א פויל מיידעלע, וואָס האָט נישט געוואָלט אויפשטיין צו דער צייט און שטענדיק געקומען שפּעט אין שולע אריין.

— אוי! — שרייט אוים כייעלע — דאָס איז דאָך פייגעלע.

— ניין — זאָגט מוישעלע — עס איז נישט פייגעלע. יענץ מיידעלע, האָט גאָר די לערערקע געזאָגט, האָט געהייסן ריוועלע.

— אָבער ריוועלע איז דאָך נישט קיין פוילע.

— איז אַן אנדער ריוועלע. עס איז דאָ אסאך מיידעלעך, וואָס הייסן ריוועלע.

— וואָס זשע איז געווען?

— איינמאָל, ווען אלע קינדער זיינען שוין געווען אין שולע זעט די לערערקע, אז ריוועלע איז נישטאָ. האָט זי געשיקט פיר מענטשן און זיי האָבן געבראכט ריוועלען מיטן בעטעלע אין שולע.

כייעלע צעלאכט זיך:

— ס'א געלעכטער! מיטן בעטעלע אין שולע!.. און זי האָט זיך נישט אויפגעכאפּט?

— יאָ. אין שולע האָט זי זיך אויפגעכאפּט און זיך אזוי פאַר־שעמט, אז זי האָט זיך איבערגעדעקט מיטן לײלעך איבערן קאָפּ און נישט געוואָלט ווייזן דאָס פּאָנעם.

כייעלע וויל אָנהויבן זינגען דאָס לידעלע, קומט ארוים איר מאמע און הויבט איר אָן רופן:

— קום ארײַן קינדעלע, אין שטוב, װעסט זיך איבערטון, עפּעס אָפּעסן, װעסטו דערנאָך רײדן.

כײעלע װיל נישט.

— באַלד, מאמע.

קומט אַרױס מױשעלעס מאַמע.

— קום אַרײַן, קינדעלע, אין שטוב, װעסט זיך איבערטון, עפּעס אָפּעסן.

װיל נישט מױשעלע.

— באַלד, מאמע.

קוקן זיך בײדע מאַמעס איבער — מױשעלעס מאַמע אין אײן זײַט, כײעלעס אין א צװײטער און זײ לאַכן.

— דאָס דערצײלט מען זיך שױן איבער די מײַסעס פון שולע.

— און מען זינגט זיך איבער די לידלעך.

— עס איז פאַר זײ קלײן דער טאָג.

— קלײן דער טאָג און קלײן די נאַכט.

די מאַמעס גײען זיך צונויף, רײדן, שמועסן און די קינדערלעך זיצן און טוען אויך דאָס זעלבע.

שפּעטער, קומען מױשעלע און כײעלע אַרױס אַפן גאַס שױן אַרומגעװאַשענע, אָפּגעגעסענע און איבערגעטוענע.

— דו װײסט, כײעלע — זאָגט מױשעלע — מײַן לערערקע איז די בעסטע לערערקע.

— נײן — זאָגט כײעלע — מײַנע איז די בעסטע.

— פון װאַנען װײסטו? דו קענסט דאָך נישט מײַן לערערקע און האָסט איר דאָך קײנמאָל נישט געזען?

— און דו, מײַנע, האָסט דאָך אויך נישט געזען?

— עמעס — זאָגט כײעלע — אָבער מײַן לערערקע איז אַזױ אַזױ גוט, אַזױ גוט...

און באַלד טוט כײעלע אַ זאָג:

— מױשעלע, דו װילסט זען מײַן לערערקע?

— יאָ. איך װיל.

— איך ווייס וואו זי וואוינט. וועסט נישט דערציילן קיינעם? וועל איך דיר ווייזן.

— עס איז ווייט?

— ניין, דאָ דערנעבן.

— גוט.

ביילע מיט מוישעלען קוקן זיך ארום, נעמען זיך אָן פאר די הענטלעך און גייען אוועק.

פאר א קליין איינשטאָקיק שטיבל בלייבן זיי שטיין און ביילע זאָגט מוישעלען שטיל אין אויער:

— ששש, דאָ וואוינט מיין לערערקע. לאָמיר דאָ צוואַרטן. עפּשער וועט זי ארויסקומען, וועסטו איר זען.

— און טאָמער קומט זי נישט ארויס?

— זי וועט ארויסקומען, איך ווייס.

ביילע מיט מוישעלען שטעלן זיך אוועק דערנעבן אָנגעשפּארט אין א בוים און ווארטן און מיט אמאָל טוט זיך אָן עפן אויף א פענצטער און עס ווייזט זיך א יונגע פרוי. וואָס שפּארט זיך אָן מיטביידע הענט אין אושאק און אָטעמט אריין פרישע לופט.

מוישעלע קען זיך נישט איינהאלטן און טוט א געשריי:

— דאָס איז דיין לערערקע!

די פרוי הויבט אויף די אויגן, טוט א קוק, דערזעט ביילען מיט מוישעלען און הויבט אָן לאַכן.

— ביילע! — רופט זי.

ביילע שטייט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ א פארשעמטע.

— קום צו, מיידעלע, וואָס טוסטו דאָ?

ביילע ווערט אינגאנצן רויט.

— גיי צו — שטופּט איר מוישעלע — האָב נישט מוירע...

ביילע גייט צו פּאמעלעך מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. די לערערקע בויגט זיך ארויס, טוט איר א גלעט איבערן קעפּל, דערנאָך גייט זי צו צום טיש, נעמט ארויס פון א בוקעט צוויי שיינע רויזן און גיט זיי ביילען.

— נא, איינס פאר דיר און איינס פארן יינגעלע.

כייעלע נעמט פארשעמט די בלומען, טוט זיך א ריס פון אָרט און הויבט אָן לויפן אהיים. און מוישעלע לויפט איר נאָך און שרייט:

— דיין לערערקע איז טאקע א גוטע, אָבער מיינע אויך. איך וועל זי דיר ווייזן, וועסט זען...

דאָס מיידעלע, וואָס האָט ליב געהאט די זון

אמאָל איז געווען א מיידעלע, האָט זי פיינט געהאט די נאכט, די פינצטערניש, און יעדן אָוונט, ווען די זון האָט אָנגעהויבן פארגיין און עס איז געוואָרן טונקל, איז זי געוואָרן זייער טרויעריק און אָנגעהויבן בעטן:

— זון, זון, גיי נישט אוועק!

— טאָג, טאָג, בלייב דאָ מיט מיר!

אָבער נישט דער טאָג און נישט די זון, האָבן איר געהערט און זיי האָבן זיך פאמעלעך ארויסגעשארט פון שטאָט און פארשוואונדן געוואָרן ווייט אין פעלד.

דאָס מיידעלע האָט געוויינט:

— מאמע, פארוואָס גייט אוועק די זון?.. פארוואָס גייט אוועק דער טאָג?..

האָט די מאמע געגלעט דער מיידעלעס בלאָנדע האָר און איר דערציילט, אז עס זיינען פאראן צוויי וועלטן און ביידע האָבן נישט מער ווי איין זון, איין טאָג. האָבן זיך די דאָזיקע צוויי וועלטן שטענדיק געקריגט און געשלאָגן, יעדער פון זיי האָט געריסן די זון צו זיך און זאָגט: זי איז מיינע! אינגאנצן מיינע...

האָבן מענטשן געזען, אז עס איז שלעכט, מען ווערט זיי צערייסן די זון און זיי וועלען בלייבן אין דער פינצטער. האָבן זיי זיך צוזאמענגענומען און געפּויעלט, אז די זון זאָל זיין ביידנס און זי זאָל שיינען אביסל דאָ און אביסל דאָרטן.

— און איצט, שיינט די זון דאָרטן?

— יאָ, מיין קינד! ווען דאָ ווערט נאכט און פינצטער, ווערט דאָרט טאָג און ליכטיק און ווען דאָ ווערט טאָג און ליכטיק, ווערט דאָרט נאכט און פינצטער.

דאָס מיידעלע האָט זיך פארטראכט א ווײַלע און געפרעגט:

— מאמע! אַף דער אנדערער וועלט זיינען אויך דאָ אזעלכע שטעט און גאסן ווי דאָ?

— יאָ, מיידעלע, דאָרט זיינען אויך דאָ שטעט און גאסן און מענטשן און הייזער פונקט ווי דאָ.

— און קינדער זיינען אויך דאָ?

— געוויס. און יענע קינדערלעך ליגן אויך אין די בעטעלעך און ווארטן אַף דער זון, אפן טאָג און אַף דער ליכטיקייט און ווען זי זאָל נישט קומען, וואָלטן זיי געווען זייער טרויעריק און זיי וואָלטן מיסטאמע געוויינט און געשריגן.

די מאמע לייגט אריין דאָס קינד אין בעטעלע, גיט איר א קוש און זאָגט:

— שלאָף, מיידעלע, א גוטע נאכט.

די מאמע וויל אוועקגיין, אָבער דאָס מיידעלע רופט איר צוריק.

— אָבער זאָג מיר — פרעגט זי — פארוואָס זיינען דאָ צוויי וועלטן? פארוואָס זאָל דאָ זיין פינצטער, ווען דאָרט איז ליכטיק? וואָלט דען נישט בעסער געווען, אז עס זאָל זיין איין וועלט, מיט איין זון און אומעטום זאָל זיין טאָג, אומעטום זאָל זיין ליכטיק?

— יאָ — זאָגט די מאמע — עס וואָלט טאקע בעסער געווען... אָבער שלאָף שוין, קינד מיינס.

— איך וואָלט אזוי געוואָלט זיין אמאָל אין דער אנדער וועלט, וואו עס איז איצט ליכטיק!

די מאַמע האָט געזען, אַז דאָס קינד טראַכט אַזוי פיל פון דער זון און קען נישט שלאָפן, האָט זי גענומען אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר בעטעלע.

— כ'וועל דיר דערציילן אַ מייסעלע מיט אַ ייִנגעלע, וואָס האָט געוואָלט זיין דאָרט, וואו עס איז ליכטיק — האָט די מאַמע געזאָגט.

— גוט, דערצייל.

— די מאַמע דעקט איין בעסער דאָס קינד, גלייכט אויס די קאָלדרע, די קישן און הויבט אָן דערציילן:

— אַמאָל איז געווען אַ ייִנגעלע, וואָס האָט פּונקט ווי דו, פיינט געהאַט די נאַכט, די פינצטערניש און געוואָלט עס זאָל שטענדיק שיינען די זון. איז איינמאָל, האָט דאָס ייִנגעלע געהערט, אַז עס זיינען דאָ צוויי וועלטן און אַז די זון שיינט דאָ אַ האַלבן מעסלעס און דאָרט אַ האַלבן מעסלעס, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט און געזאָגט: אויב אַזוי, וועל איך אַלע אָוונט אַוועקגיין אין דער אַנדער וועלט און זיין דאָרטן די גאַנצע צייט צוזאַמען מיט דער זון, מיטן טאָג און דערנאָך צוריקקומען אַהער צוזאַמען מיט זיי.

דאָס ייִנגעלע האָט אַזוי געטון. און פאַרנאַכט אַרויס פון שטאָט און געגאַנגען דורך באַרג און געגאַנגען דורך טאָל, אָבער אַזוי ווי דער וועג איז געווען אַ ווייטער, האָט אים די נאַכט אָנגעיאָגט און געפאַנגען.

דאָס ייִנגעלע האָט געוואָלט אַנטלויפן און נישט געקענט, די נאַכט האָט אים פאַרשטעלט אַלע וועגן און פון אים געלאַכט און כויזעק געמאַכט.

— אַזוי! אַנטלויפן פון מיר האָסטו געוואָלט? — האָט זי געזאָגט.

— יאָ, יאָ, אַנטלויפן — האָט דאָס ייִנגעלע געזאָגט — ווייל דו ביזט מיעס, שלעכט און איך האָב דיך פיינט...

די נאַכט האָט געלאַכט.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס דו ביזט קליין און נאַריש, און דו

ווייסט נאָך נישט, אז איך ברענג רו דיין טאטן נאָך א שווערן טאָג ארבעט. איך ברענג טוי דער ערד און זאפט די בוימער און גראָז, איך קיל אָפּ די לופט נאָך די הייסע גליענדיקע טעג און גיב קויעך די מענטשן צו נייער ארבעט.

די מאמע איז אנטשוויגן געוואָרן און דאָס מיידעלע האָט געפרעגט:

— נו, וואָס איז געוואָרן?

— גאָרנישט קינדעלע, די נאכט האָט דעם יינגעלע געהאלטן געפאנגען ביז אינדערפרי, און אים דערנאָך איבערגעגעבן דעם טאָג.

— נא — האָט זי געזאגט — דאָ האָסטו א נאריש יינגעלע, נעם שיק אים אין שולע און זאָל ער ווערן אביסל קליגער.

דאָס מיידעלע איז אנטשלאָפן געוואָרן און באנאכט האָט זיך איר געכאָלעמט, אז די זון איז געקומען צופאָרן צו איר שטוב אין א גאָלדענער קאָטש און געזאָגט:

— דו געפעלסט מיר, מיידעלע, איך וועל שוין שטענדיק זיין מיט דיר.

— און וועסט שוין נישט גיין אהין, צו דער אנדער וועלט?

— ניין, איך וועל זיין דאָ.

דאָס מיידעלע האָט זיך דערפרייט און געלאָפן דער מאמען אָנזאָגן די בסורע, אָבער זי האָט זיך דערשראָקן.

— ס׳איז נישט גוט, קינדעלע.

— פארוואָס?

— דער טאטע ארבעט אין פאבריק ביז די זון גייט אוועק און ווען זי וועט דאָ זיין, וועט ער דארפן שטענדיק ארבעטן.

— אָבער איך האָב אזוי ליב די זון, דעם טאָג!..

— און די קינדער וואָס זיינען דאָ אין שולע, וועלן שוין בלייבן, ווייל די לערערקע לאָזט זיי אָפּ דאן, ווען די זון גייט אוועק פון פענצטער.

— אָבער עס איז דאָך אזוי שיין צו האָבן שטענדיק די זון אין מיטן הימל!..

— די בלומען, די פּרוכטן, די גרינסן, וועלן פאַרדאַרט ווערן, ווייל זיי דאַרפן אויך די נאַכט, די קילקייט, דעם טוי און דעם שאָטן און די זון וועט זיי פאַרברענען.

— די זון איז דאָך אַזוי גוט...

— דו וועסט ווערן מיד און וועלן שלאָפן און רוען און די זון וועט שטיין אינמיטן הימל און בלענדן די אויגן, גליען, און נישט לאָזן שלאָפן.

דאָס מיידעלע הערט נישט דער מאַמעס רייד, און זי לויפט אַרום אפן גאַס און שפּילט זיך, אָבער באַלד זעט זי א מאַכנע קינדער, וועלכע שרייען צו דער זון:

— קום צו אונדז אויך! מיר זיינען אין דער פינצטער...

די זון לאַכט:

— וואָס זאָגט איר מיר, בעט אָט דאָס מיידעלע.

די קינדער לויפן צו און רינגלען זי אַרום.

— גיב אונדז אָפּ די זון! זי איז נישט דיינע!..

— וויל איך נישט.

— מיר ווילן אויך האָבן טאָג און ליכטיקייט.

— בלייבט זשע דאָ.

— ווילן מיר נישט. דאָרט האָבן מיר אונדזערע טאַטעס, דאָרט האָבן מיר אונדזערע מאַמעס.

— ברענגט זיי אַהער.

— דאָרט האָבן מיר אונדזערע היימען, אונדזערע שולן און לערערקעס...

— דאָ זיינען אויך דאָ שולן.

— דאָרט זיינען מיר געבוירן, דאָרט איז אונדזער לאַנד און מיר האָבן ליב אונדזער לאַנד.

דאָס מיידעלע דרייט מיטן קעפּעלע.

— ניין.

דאָס מיידעלע וויל אַנטלויפן, אָבער עס טוען זיך אַן עפּן אויף

טירן און פענצטער און זי זעט אסאך ארבעטער, וואָס שטייען מיט פארשוויצטע פּנימער און זיי בעטן זיך:

— זאָל שוין די זון אוועקגיין! מיר האָבן שוין נישט קיין קויעך, מיר דארפן זיך אויסרוען...

— מיר בענקען נאָך אונדזערע ווייבער, נאָך אונדזערע קינדער... דאָס מיידעלע שווייגט.

— קינד מיינס — שרייט דער מיידעלעס טאטע — זיי נישט קיין שלעכטע, די נאכט דערציילט דיר אזעלכע שיינע מייסעלעך אין שלאָף און דו טרייבסט איר אוועק...

דאָס מיידעלע הויבט אויף די אויגן און זעט, ווי די זון קוקט איר אָן מיט א שמייכל.

— נו, וואָס זאָגסטו?

— גיי — זאָגט דאָס מיידעלע — אָבער מאָרגן זאָלסטו קומען...

ווען דאָס מיידעלע האָט זיך אויפגעכאפּט, האָט די זון אריינגעקוקט אין איר פענצטער און פריילעך געלאכט איר אין די אויגן אריין.

ווען די טאטעס קומען פון דער ארבעט

דוואוירעלע פארשטייט זיך שוין אף א זייגער און ווייסט די שאָען, די מינוטן, און אלע פארנאכט, ווען דער קליינער ווייזער דערנענטערט זיך צום פינף, גייט זי ארויס אף דער סקינע וואַרטן אף איר טאטן, וואָס דארף קומען פון דער ארבעט.

אף דער סקינע שטייען שוין אסאך קינדערלעך פון דער קוואדרע און יעדער פון זיי קוקט אף אן אנדער זייט.

— מיין טאַטע — זאָגט יאַנקעלע — דאַרף קומען פון טריונוויראַטאָ.

— און מיין טאַטע — זאָגט בערעלע — דאַרף קומען פון ריוועראַ.

— און מיינער — זאָגט ריוועלע — דאַרף קומען פון קאַנינג.

די קינדער קוקן אין דער ווייט און לאָזן נישט אראָפּ קיין אויג פון די מענטשן, וואָס גייען זיי אנטקעגן.

יאַנקעלע, וואָס איז א גרויסער שטיפער, וויל מאַכן א שפּאַס, טוט ער א געשריי:

— בערעלע! דיין טאַטע גייט...

— וואו? — פרעגט בערעלע און קוקט פון אלע זייטן.

— דאָרטן! — זעסט נישט?

בערעלע טוט א לויף און אלע קינדער שיסן אויס א געלעכטער.

— בע! מען האָט דיך אָפּגענאַרט...

בערעלע ווערט בייז און זאָגט:

— איר וועט זען, מיין טאַטע וועט קומען פריער ווי אלע טאַטעס.

— א פייג! — זאָגט ריוועלע — מיין טאַטע קומט שטענדיק פריער.

— און איך זאָג אייך, אז מיין טאַטע וועט קומען דער ערשטער — זאָגט דוואוירעלע.

— וועלן מיר זען.

— וועלן מיר טאַקע זען.

— מיין טאַטע — זאָגט בערעלע — פאָרט מיט א טראַמוויי.

— מיין טאַטע פאָרט מיט אן אָמניבוס.

— מיין טאַטע פאָרט מיט דער אונטערערדישער באַן.

— אזוי? — זאָגט דוואוירעלע — מיין טאַטע גייט צופוס, אָבער, אז ער וויל, קען ער גיין גיכער ווי דער טראַמוויי און גיכער ווי דער אָמניבוס און אפילו גיכער ווי די אונטערערדישע באַן.

יאַנקעלע לאַכט:

— גיכער ווי די אונטערערדישע באַן קען קיינער נישט גיין.
— מיין טאַטע, יאָ...
— לאָמיר זיך וועטן.
— אַז וואָס?
— אַז מיין טאַטע קען גיין גיכער ווי די אונטערערדישע באַן...

יאַנקעלע וויל זיך וועטן, אָבער ער דערזעט זיין טאַטן גיין און ער לויפט אים אנטקעגן מיט גרויס פרייד.

— טאַטעלע! שיין טאַטעלע!

יאַנקעלעס טאַטע, כייעס, זעט פון וויטן זיין יינגעלע און ער צעשמייכלט זיך, אָבער באַלד מאַכט ער א קאַלט פּאָנים און זאָגט:

— ווער איז דאָס יינגעלע?

יאַנקעלע כאַפּט ארום מיט ביידע הענטלעך דעם טאַטן פאַר די פיס און וויל ארויפקלעטערן אַף די הענט, אָבער זיין טאַטע שטייט אומבאַוועגלעך און מאַכט זיך, אַז ער קען אים נישט.

— ווער ביזטו, יינגעלע? איך קען דיך נישט...
— יאַנקעלע.
— וואָסער יאַנקעלע?
— דיין יאַנקעלע.
— איך האָב א יינגעלע יאַנקעלע?
— יאָ...

דער טאַטע טוט א כאַפּ זיין יינגעלע אַף די הענט און גייט מיט אים אהיים.

— אָבער, בע, — שרייט יאַנקעלע צו די איבעריקע קינדער־לעך — ווען מעס טאַטע איז געקומען פריער?

— אָבער נעכטן — זאָגט בערעלע אָנגעברויגעזט — איז מיין טאַטע געקומען פריער...

— איך וועל זאָגן מיין טאַטן וועט ער שוין קומען פריער פאַר אַלע טאַטעס — זאָגט דוואוירעלע.

בערעלע וויל דוואוירעלען עפּעס ענטפערן, אָבער ער דערזעט אָנקומען זיין טאַטן און לויפט אים אנטקעגן.

— פאפא!

— זונעלע!

דער טאטע נעמט אָן זיין יינגעלע פארן הענטל און פרעגט אים:

— וואָס מאכסטו, זונעלע?

— גוט.

— די מאמע איז אין שטוב?

— יאָ, זי מאכט לאטקעס...

בערעלע גייט דורך די קינדער און גרויסט זיך.

— אָבער איך האָב געזאָגט, אז מיין טאטע וועט קומען פריער...

— אזוי! יאנקעלעס טאטע איז געקומען נאָך פריער.

די לעצטע אַף דער סקינע בלייבט דוואוירעלע און ווען איר טאטע קומט, לויפט זי אים אנטקעגן און נאָכדעם, ווי זי קושט אים אסאך מאָל זאָגט זי ברויגעזלעך:

— דו קומסט שפעטער ווי אלע טאטעס...

— איך ארבעט ווייט, קינדעלע, ווייטער ווי אלע טאטעס.

— אָבער איך וויל זאָלסט קומען פריער, יאנקעלע און בערעלע רייצן זיך מיט מיר...

דער טאטע גלעט דעם קינדס קעפעלע, נעמט ארויס פון קעשענע א בייטעלע קאָלירטע קאראמעלעס און גיט זיי דעם מיידעלע.

— דערפאר האָסטו קאראמעלעס, און זיי א פייג...

שפעטער, טרעפן זיך אלע קינדער אין דרויסן און רייצן זיך:

— אָבער מיין טאטע איז געקומען פריער פאר אלע טאטעס — זאָגט יאנקעלע.

— מיינער איז אויך געקומען פריער — זאָגט בערעלע.

— דוואוירעלעס טאטע איז געקומען שפעטער פאר אלע.

דוואוירעלע ווייזט דעם בייטל קאראמעלעס און זאָגט:

— אָבער וועמענס טאטע האָט געבראכט קאראמעלעס, הא? קיינעמס נישט.

די קינדער שווייגן. דאָס מאָל, האָט דוואוירעלע געוואונען.

א ציינדעלע קלאפט אין טיר

שלוימעלע ליגט אין בעטעלע און שלאָפט, הערט ער מען קלאפט אין טיר. גייט ער אראָפּ און פרעגט:

— ווער איז?

— איך, ציינדעלע-וויינדעלע.

— וואָס ווילסטו?

— עסן.

— אינמיטן באנאכט?

— איך בין הונגעריק.

— דער שפייז-אלמער איז ליידיק...

דאָס ציינדעלע גייט ווייטער און קלאפט אָן אין א צווייטער טיר.

— עפנט!

— ווער איז?

— ציינדעלע-וויינדעלע.

— וואָס ווילסטו?

— איך האָב שוין דריי טעג נישט געגעסן.

— פארוואָס?

— מיין באלעבאָס האָט מיך ארויסגעוואָרפן.

— מיסטאָמע ביזטו געווען שלעכט...

דאָס ציינדעלע זעט א שטוב מיט ליכטיקע פענצטער, גייט עס צו און קוקט אריין, זעט עס, אז מען איז דאָרט אויף. קלאפט עס אָן.

— גוטע מענטשן, לאָזט מיך אריין.

— ווער ביזטו?

— ציינדעלע-וויינדעלע.

אין שטוב זיצט א מיידעלע און וויינט, עס טוט איר ווי א ציינדעלע און ווען זי הערט ווער עס איז געקומען, כאפט זי א שטעקן און וויל ציינדעלע-וויינדעלען ברעכן די ביינער...

ציינדעלע־וויינדעלע איז אנטלאָפן און אזוי ארומגעגאנגען א גאנצע נאכט און געקלאפט אין אסאך טירן און לאָדנס און ווען עס האָט געזען, אז קיינער לאָזט עס נישט אריין, איז עס אוועק צו יאנקעלען און אָנגעקלאפט.

— יאנקעלע! יאנקעלע! עפן...

יאנקעלע איז געשלאָפן געשמאק, ווייל ער איז א נאכט פריער נישט געשלאָפן, עס האָט אים ווי געטון א צאָן און ציינדעלע־וויינדעלע האָט געדארפט קלאפן לאנג ביז יאנקעלע האָט דערהערט און אראָפגעשפרונגען פון בעטעלע.

— ווער איז? — האָט ער געפרעגט.

— ס׳בין איך, דיין ציינדעלע.

— וואָס ווילסטו?

— איך בין הונגעריק. זייט דו האָסט מיך ארויסגעוואָרפן, האָב איך נאָך גאָרנישט געגעסן און געטרונקען.

יאנקעלע האָט געלאכט.

—גוט אזוי! דו ביזט געווען א שלעכטער. איך האָב דיר געגעבן צו עסן און צו טרינקען און אפילע צוקערקעס צו נאשן און דו האָסט מיר ווי געטון, נישט געלאָזט שלאָפן א גאנצע נאכט...

— כ׳וועל שוין זיין א גוטער.

— איצט איז שוין פארפאלן.

— כ׳וועל דיר שוין קיינמאָל גאָרנישט ווי טון.

— ניין. ס׳וועט דיר שוין גאָרנישט העלפן, איך האָב שוין באַשטעלט אן אנדער ציינדעלע אױף דיין אָרט, א שיין ווייס ציינדעלע...

ציינדעלע־וויינדעלע גייט אוועק טרויעריק און יאנקעלע לייגט זיך א פריילעכער צוריק אין בעטעלע און זאָגט צו זיינע ציינדעלעך:

— איר האָט געהערט, האַ? געדענקט! אז איר וועט זיך אויפפירן שלעכט, וועל איך אייך אויך ארויסווארפן...

אין שלאָף, זעט יאנקעלע ארומגיין מאכנעס ציינדעלעך אין די גאסן און אלע זיינען זיי געל און שווארץ: זיי וויינען און בעטן זיך בא די יינגעלעך:

— מירן שוין זיין גוטע...

אָבער די ייגנעלעך לאכן פון זיי און זאָגן:

— פארפאלן! מיר האָבן שוין באשטעלט אנדערע ציינדלעך...

פון ווייטן, זעט יאנקעלע אָנקומען א מאכנע נייע ציינדעלעך. זיי מארשירן אלע ווי די סאָלדאטן און שפרייזן אזוי פעסט און מונטער.

די ציינדעלעך זיינען אלע ניי און פריש און זיי פארבליאסקען די גאס מיט זייער ווייסקייט און שיינקייט...

דער טרוקענער רעגן *)

שלוימעלע האָט געהאט א פאָר פריילעכע טעג. ווען ער איז אויפגעשטאנען אינדערפרי און ארויס אין דרויסן, האָט ער געזען, אז די גאנצע גאס איז פול מיט א ווייסן שטויב.

ער איז שנעל ארייגעלאָפן צו דער מאמען מיט א סימכע און איר אָנגעהויבן שלעפן פאר דער האנט.

— קום נאָר, מאמע! וועסטו עפּעס זען.

די מאמע האָט שוין געוואוסט וואָס שלוימעלע וויל איר ווייזן, האָט זי נישט געוואָלט גיין און שלוימעלע איז באלד צוריק ארויס־געלאָפן אין גאס ארויס און נישט טרעפנדיק דאָרטן קיינעם פון זיינע כאווירימלעך, איז ער אריין צו מאָטעלען און אים אָנגעהויבן וועקן.

---

*) דאָס מייסעלע איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1932, אין כוידעש אפּריל, ווען איבערן גאנצן לאנד איז געפאלן איניקע טעג א ווייסער שטויב, וואָס איז געקומען פון צוויי וואולקאנען־בערג בא די קאָרדילערן, וועלכע זיינען גע־וואָרן טעטיק.

— מאַטעלע! קום ארויס אין דרויסן וועסטו עפּעס זען.

— וואָס? — האָט מאַטעלע געפרעגט א פארשלאָפענער.

— די גאנצע גאס איז ווייס אזוי ווי... אזוי ווי שניי.

מאַטעלע האָט געלאכט.

— נארעלע! שניי איז דאָך רויט.

— גיי, דו ווייסט נישט. מיין טאטע האָט מיר אליין געזאָגט, אז שניי איז ווייס.

אז שלוימעלע מיט מאַטעלען זיינען ארויס אפן גאס, האָבן זיי שוין דאָרטן געטראָפן אלע קינדערלעך פון דער קווארטאַל, וועלכע זיינען אומגעלאָפן צופרידענע איבער דער ווייסער פארשטויבטער גאס און זיך געפרייט מיט איר נייעם אויסזען.

— זעט נאָר, זעט! — האָט יאנקעלע געשריגן, לויפנדיק זיי אנטקעגן — מעל שיט זיך פון הימל.

— עס איז נישט קיין מעל, עס איז אש.

— עס איז נישט קיין אש, עס איז קאלך, קרייד.

מאַטעלע האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזען ווי עס שיט זיך א דינינקער שטויב ווי א קליין, קליין רעגנדל.

— אוי! — האָט ער געזאָגט א דערפרייטער — איך שטיי אפן רעגן און ווער גאָרנישט נאס.

— א טרוקענער רעגן! — האָט געזאָגט שלוימעלע.

— זעט נאָר דעם מענטש! — האָט געזאָגט יאנקעלע — ער האָט א ווייסע פלייצע.

— און דער אויטאָמאָביל וואָס פאָרט דאָרט, איז אויך ווייס.

— דו ווייסט — האָט געזאָגט לייזער דער גרויסער — איך קען שרייבן אפ דער ערד.

— נו, שרייב.

לייזער האָט זיך אוועקגעזעצט און געמאכט א פאסיק.

— דאָס איז א איינס.

— איך קען אויך מאכן א איינס — האָט געזאָגט שלוימעלע און מיטן פינגער געמאכט א גרויסן פאס אפ דער ערד.

— גיי, שרייב דיר נעבן דיין שטוב — האָט געזאָגט מאַטעלע און נישט געלאָזט אָפּווישן דעם שטויב פאַר זיין טיר.

שלוימעלע האָט זיך באַליידיקט און איז אַוועק.

— בע! — האָט ער געזאָגט — נעבן מיין שטוב איז דאָ מער „שניי" ווי נעבן דיין שטוב.

און שלוימעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אױף דרערד און אָנגע־הויבן מאַכן פּאַסיקלעך און רעדעלעך.

— איר זעט! — איך קען אויך שרייבן — האָט ער געזאָגט.

אַז די מאַמע האָט שפּעטער שלוימעלען גערופן עסן, האָט ער נישט געוואָלט גיין.

— לאָמיר זיין דאָ — האָט ער זיך געבעטן — איך וויל זען.

— וואָס ווילסטו זען?

— די ווייסע גאַס.

— קום אַריין וועסטו זען, אַז די שטוב איז אויך ווייס, און דער הויף אויך.

אַז דער טאַטע איז געקומען, האָט אים שלוימעלע געפרעגט.

— זאָג מיר, פּאַפּאַ, ווער האָט געמאַכט אַזוי ווייס די גאַס?

— מען האָט אויסגעקערט דעם הימל און אַראָפּגעשאַרט דעם גאַנצן שטויב אױף דער ערד.

— זאָג מיר דעם עמעס.

— אַ מילנער איז באַנאַכט דורכגעפאָרן מיט אַ וואָגן מעל, האָבן זיך די זעק צעריסן און דאָס מעל האָט זיך פאַרשאָטן איבער די גאַסן.

— מאַכסט זיך אַ געלעכטער. זאָג מיר שוין!

— גוט. די מאַמע האָט אינדערפרי אויסגעשאַרט דאָס אַש פון דער קיך, האָט עס דער ווינט צעטריבן איבער דער גאַנצער שטאָט.

— גיי, טאַטע, לאַכסט פון מיר. זאָג מיר פאַרוואָס זיינען די גאַסן אַזוי ווייס!

דער טאַטע וויל שלוימעלען דערציילן וועגן די וואָלקאַנען —

אָבער פלוצים זעט שלוימעלע זיין מאמען ווישן דעם ווייסן שטויב אין הויף מיט א שמאטע און ער שפרינגט אויף.

— וויש נישט אָפּ, מאמע, אזוי איז דאָך שענער!..

שלוימעלע האָט זיך אזוי געבעטן, אז די מאמע האָט אים גע־מוזט צוליב טון.

דאָס מיידעלע וואָס האָט גערעדט אנדערש

טיטאָ קען נישט קיין יידיש, כאנעלע קען נישט קיין שפאניש, קענען זיי זיך ביידע נישט צונויפרעדן און ווייסן נישט ווי אזוי צו שפילן זיך.

אז כאנעלע גייט ארוים אפן גאס, קומט באלד צו צו איר טיטאָ, רעדט צו איר, פרעגט איר עפּעס, אָבער זי ווייסט נישט וואָס, לויפט זי אריין צו דער מאמען.

— וואָס זאָגט דאָס יינגעלע?

— וואָסער יינגעלע?

— דאָס שווארצע יינגעלע, וואָס וואוינט דאָ דערנעבן?

— איך ווייס נישט — זאָגט די מאמע — נאָר איך פארשטיי, אז דאָס יינגעלע זאָגט, אז ער וויל זיך שפילן מיט דיר.

לויפט כאנעלע ארוים א פריילעכע אפן גאס און זאָגט צו טיטאָן:

— ווילסט זיך שפילן מיט מיר?

טיטאָ קוקט איר אָן און פארשטייט נישט.

— קום! — שלעפּט אים כאנעלע פארן הענטל — לאָמיר זיך שפילן אין לויפעלעך.

טיטאָ רירט זיך נישט פון אָרט. ער ווייסט נישט, וואָס דאָס מיידעלע וויל.

— גיי! — שרייט אויס כאנעלע א בייזע — ביזט א מיעסער, א שלעכטער.

אָבער שפּעטער, האָט כאנעלע כאראָטע וואָס זי איז ברוגעז געוואָרן מיט טיטאָן און גייט אים איבערבעטן. זי נעמט אָן מיט איר מינדסטן פינגער זיין מינדסטן פינגער און הויבט אים אָן שאָקלען:

— כאווער פאווער, נאָדל טעשל, וואָס ווילסטו, בלוט צי בלעך?

טיטאָ קוקט איר אָן פארוואונדערט.

— זאָג: בלוט.

טיטאָ שווייגט.

— נאריש ייִנגעלע! — זאָגט זי — זאָג בלוט, וועלן מיר זיין גוט.

אָבער טיטאָ פארשטייט אליין נישט.

— בלוט! בלוט! זאָג — שטייט צו אים צו דאָס מיידעלע.

טיטאָ שמייכלט, וויל נאָכריידן און זאָגט:

— בלובל! בלובל!

כאנעלע צעלאכט זיך:

— א גרויס ייִנגעלע און קען נאָך נישט ריידן.

שפּעטער, קומען צו צו כאנעלען אסאך ייִנגעלעך און מיידעלעך. אלע ריידן צו איר, פרעגן איר עפּעס, נאָר זי שטייט און קוקט זיי אָן, ביז זי ווערט בייז און לויפט אריין צו דער מאמען.

— איך וויל צוריק אהיימפאָרן צו דער באָבעשי, דאָ געפעלט מיר נישט, זאָגט זי.

— פארוואָס טעכטערל? — פרעגט איר די מאמע.

— די קינדערלעך דאָ זיינען שלעכטע, זיי ריידן אנדערש, איך פארשטיי נישט...

די מאמע גלעט איר איבערן קעפּל און זאָגט:

— שפּעטער אביסל, וועסט גיין אין שולע אריין, וועסטו אויך ריידן אנדערש, אזוי ווי זיי.

כאַנעלע דרייט מיטן קעפּל.

— איך וויל נישט ריידן אַנדערש.

— פאַרוואָס, טאָכטערשי?

— אַז איך וועל ריידן אַנדערש, וועט דאָך קיינער נישט פאַר־שטיין וואָס איך רייד!..

אָבער פונדעסטוועגן, האָט כאַנעלע ביסלעכווייז אָנגעהויבן ריידן אַנדערש, — אַזוי ווי די קינדערלעך: צום אָנהויב האָט זי זיך אויס־געלערנט אַ פּאָר ווערטער, דערנאָך נאָך אַ פּאָר ווערטער, אַזוי, אַז זי האָט שוין געקענט זיך שפּילן מיט די קינדערלעך און אפילו ענטפערן אויף איניקע פראַגן.

אָבער נישט אַלץ האָט זי פאַרשטאַנען. איינמאָל, האָט זיך אַריינגעצויגן אַ ניי יינגעלע אויף דער קוואַדרע, איז ער צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט אויף שפּאַניש:

— ווי הייסטו, מיידעלע?

כאַנעלע האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט זי געענטפערט:

— מוי ביען.

— איך פרעג דיר ווי מען רופט דיך? — האָט דאָס יינגעלע איבערגעכאַזערט.

— „נאַדאַ״ — האָט כאַנעלע געענטפערט.

דאָס יינגעלע האָט זיך צעלאַכט.

— מען רופט דיך נאַדאַ?

כאַנעלע האָט ווידער נישט פאַרשטאַנען און געזאָגט:

— גראַסיאַס.

דאָס יינגעלע האָט געלאַכט, כאַנעלע אויך, און זיי זיינען פונדעסטוועגן געוואָרן גוטע פריינט און אָנגעהויבן זיך שפּילן.

נאָר איינמאָל, איז כאַנעלע געוואָרן בייז. דאָס יינגעלע האָט גערעדט צו איר און זי האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען.

— רייד יידיש! — האָט זי אָנגעהויבן שרייען צום יינגעלע.

דאָס קינד האָט איר אָנגעקוקט פאַרכידעשט:

— איך קען נישט ריידן אַזוי ווי דו.

כאנעלע האָט זיך פאַרטראַכט און אין א ווײַלע אַרום האָט זי געפרעגט:

— אַז דו קענסט נישט ריידן קיין יידיש, ווי אַזוי רעדסטו מיט דיין פאפא?... מיט דיין מאמא?..

— אויך אַזוי ווי מיט דיר.

כאנעלע האָט זיך צעלאַכט.

— מיט א פאפא און מיט א מאמא רעדט מען שפּאַניש?!..

נאַריש יינגעלע! א פאפא און א מאמא פאַרשטייען דאָך נישט קיין שפּאַניש!..

דעם טאַטנס טראַמוויי

וועלוועלע איז א גרויסשטייער און ער קריגט זיך אַלעמאָל מיט די קינדער פון גאַס, ווערט ברויגעז און כאַוער, כאַוער און ברויגעז.

אַז אַלע קינדער ווילן שפּילן אין באַהעלטעניש, זאָגט ער:

— ניין, בעסער אין סאָלדאַטן.

זאָגן די קינדער:

— אַז אַלע זאָגן אין באַהעלטעניש, דאַרף זיין אין באַהעלטעניש.

פאַרדריסט עס וועלוועלען און ער זאָגט:

— שפּילט זיך אין באַהעלטעניש. איך בין ברויגעז.

— ברויגעז, איז ברויגעז...

די קינדער וואַרפן גורל ווער עס זאָל זוכן און וועלוועלע שטעלט זיך אַוועק אַן אָנגעבלאָזענער אין א זייט און שרייט:

— געדענקט, כ׳על זאָגן מיין טאַטן, וועט ער אייך שוין נישט לאָזן פאָרן אויף זיין טראַמוויי.

וועלוועלעס טאַטע, איז אַ מאָטאָרמאַן און ווי עפּעס, סטראַשעט ער באַלד די קינדער מיטן טאַטנס טראַמוויי.

די קליינע קינדער, וואָס ווייסן נישט, אַז דער טראַמוויי איז נישט וועלוועלעס, זאָגן:

— אַ געשעפּט האָבן מיר. וועלן מיר פאָרן מיט אַן אַנדער טראַמוויי.

— טאַקע! איין טראַמוויי איז דאָ אין בוענאָס איירעס?

— אַזוי! כ'על זאָגן מיין טאַטן, וועט ער זאָגן אַלע זיינע כאַווערים, די מאָטאָרמאַנס, אַז זיי זאָלן אייך נישט אַרויפלאָזן.

— אַ דייגע האָבן מיר — לאַכן די קינדער — וועלן מיר פאָרן מיט אָמניבוסן, פאָרן מיט קאָלעקטיוועס.

— די קאָלעקטיוועס מיט די אָמניבוסן האָבן אַלעמאָל אַקצידענטן.

— האָבן זיי.

— וועט איר זיך צעקלאַפּן.

— וועלן מיר.

דער גורל פאַלט אויף לייבעלען און ער שטעלט זיך אַוועק בא דער וואַנט און הויבט אָן ציילן:

— איינס... צוויי... פינף... אַכט... צען... שוין?

וועלוועלען פאַרדריסט, וואָס די קינדער שפּילן זיך אַליין און ער וויל זיי אָפּטון אויף צעלאָכעס, זאָגט ער אויס, וואו יעדערער האָט זיך באַהאַלטן.

— בערעלע איז בא דאָן פּעפּען אונטער דער טיר!.. כייעמל שטייט אונטער דעם אויטאָ, נעבן אַפּטייק... יאָסעלע...

לייבעלע פאַרשטאָפּט זיך די אויערן און וויל נישט הערן.

— זאָג מיר נישט, כ'על אַליין געפינען.

— אָט דאָרט שטייט פייגעלע — ווייזט וועלוועלע מיט דער האַנט צום אַלמאַסען.

די קינדער גייען אַרויס פון די באַהעלטענישן און ווילן וועלוועלען אָנשלאָגן, אָבער ער לויפט אַריין אין שטוב מיט אַ געוויין.

— וואָס? — פרעגט אים די מאמע.

— די קינדער ווילן מיר שלאָגן...

— וועלכע קינדער?

— אלע קינדער.

— פארוואָס?

— פאר גאָרנישט.

— פאר גאָרנישט שלאָגט מען נישט. מיסטאָמע האָסטו זיי געטשעפּעט.

— ניין — זאָגט וועלוועלע — איך האָב זיי גאָרנישט גע־טשעפּעט.

די מאמע קען שוין איר ייִנגעלע און זי ווייסט, אז איר וועלוועלע איז א גרויסשטייער און זי זאָגט:

— איך ווייס שוין. מיסטאָמע ווילן זיי דיר נישט מאכן פאר קיין קאָמענדאנט, טשעפּעסטו זיך צו זיי.

וועלוועלע גייט שוין נישט ארוים פון שטוב און ער דרייט זיך ארום א בייזער און ווען זיין טאטע קומט, לויפט ער אים אנט־קעגן און זאָגט אים:

— די קינדער האָבן מיר געוואָלט שלאָגן.

— וואָסערע קינדער?

— לייבעלע, בערעלע, מוישעלע, פייגעלע.

— אזוי!

— לאָז זיי נישט פאָרן אַף דיין טראמוויי.

— גוט.

— אויב זיי וועלן ארויפגיין אפן טראמוויי און וועלן פאָרן אַף פלאסע מאזשאַ, זאָלסטו זיי אָפּטון און אוועקפירן אַף פלאסע איטאליע.

— וואָס־זשע וועט זיין?

— וועלן זיי פארבלאָנדזשעט ווערן און נישט ווסן ווי אהיימ־צוגיין.

דער טאטע לאכט.

— גוט. עס איז אן איינפאל...

וועלוועלעס טאטע, יאנקל, וואשט זיך ארום, טוט זיך איבער און זעצט זיך אוועק באם טיש.

— נו, — זאָגט ער — וועלוועלע, לאָמיר זען, וואָס דו האָסט היינט געשריבן אין שולע?

וועלוועלע לויפט צו צו זיין שופלאָד כאפט ארויס פון דאָרט א העפט און ווייזט דעם טאטן.

— זעסט? דאָס האָב איך היינט געשריבן.

דער טאטע באקוקט דעם העפט און האָט האנאָע.

— פיין — זאָגט ער — זייער פיין. דו ווייסט, ריווקע — זאָגט ער צו זיין פרוי — ער שרייבט גאָר שיין.

— אז ער וויל, קען ער — זאָגט די מאמע.

וועלוועלע זעט, אז דער טאטע מיט דער מאמען זיינען גאָר צופרידן מיט אים. בעט ער דעם טאטן, אז ער זאָל אים לאָזן מיט־פאָרן מיט אים מאָרגן אפן טראמוויי.

— מאָרגן איז יאָנטעוו, מען גייט נישט אין שולע — זאָגט ער.

יאנקל קוקט אף זיין פרוי און זאָגט:

— גוט. אויב די מאמע, וועט מיטפאָרן.

אָבער די מאמע וויל נישט מיטפאָרן.

— איך האָב מאָרגן — זאָגט זי — אזוי פיל ארבעט.

— נישט מער ווי איינמאָל הין און צוריק.

— וואָס זאָגסטו? — פרעגט וועלוועלעס טאטע זיין פרוי.

— אז איך האָב נישט קיין צייט.

— טו צוליב דעם קינד.

די מאמע קוקט אף וועלוועלען מיט א שמייכל און זאָגט:

— גוט. אויב ער וועט זיך אויפפירן גוט.

דער דאָזיקער צוזאָג האָט וועלוועלען געמאכט גליקלעך און ער איז גלייך ארויסגעלאָפן צו זיינע כאווירים מיט א סימכע.

— איך וועל מאָרגן פאָרן מיט מיין טאטנס טראמוויי שפאצירן.

די קינדער האָבן געלאכט.

— ביסט דאָך ברויגעז וואָס רעדסטו?

— איך בין שוין כאַוועך — זאָגט וועלוועלע — איך וועל פֿאָרן מאָרגן ווייט, ווייט, ביז פּלאָטע מאַזשאָ און צוריק.

— אַן געלט? — פֿרעגט איין יינגעלע.

— אוואדע אַן געלט. ס׳איז דאָך מיין טאַטנס טראַמוויי!

אַף מאָרגן, נאָכמיטיק, איז וועלוועלע געשטאַנען מיט זיין מאַמען אַן אויסגעפּוצטער אַף דער סקינע און געוואַרט, אַז עס זאָל דורכגיין זיין טאַטנס טראַמוויי.

וועלוועלע האָט געדאַרפֿט וואַרטן לאַנג, ווייל עס זיינען דורכגעגאַנגען אַ סאַך טראַמווייען, אָבער נישט זיין טאַטנס, און ער איז שוין געוועזן אומגעדולדיק.

— דאָן כואן! — האָט ער געשריגן צו דעם מאָטאָרמאַן, וואָס איז דורכגעפֿאָרן — וואו איז מיין טאַטע?

— ער קומט.

— עס דאַרף נאָך דויערן?

— מיטן דריטן טראַמוויי פֿאָרט דיין טאַטע.

ווען דאָן יאַנקל איז אָנגעקומען, איז וועלוועלע צוגעלאָפֿן מיט אַ סימכע.

— פּאַפּאַ!

— זונעלע!

וועלוועלע שטייגט אויף מיט זיין מאַמען אַפֿן טראַמוויי און זיי פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אַפֿן פֿאָדערשטן בענקל, נעבן מאָטאָרמאַן.

— פּאַפּאַ! — שרייט וועלוועלע — זאָלסט פֿאָרן גיך.

— מעשוגענער! — שרייט די מאַמע — ווילסט, אַז דער טאַטע זאָל ארויפֿפֿאָרן אַף עמיצן? פֿאָר געלאַסן, יאַנקל. גיב גוט אכטונג.

יאַנקל דרייט אוים דעם קאָפּ, טוט אַ ווינק צו זיין יינגעלע און הויבט אָן פֿאָרן.

— טאַלאָן! טאַלאָן! טאַלאָן! — קלינגט ער גלאַט אַזוי, וועלוועלען צוליב.

װעלװעלע קען נישט אײנזיצן אפֿן בענקל און ער דרײט זיך אַף אַלע זײטן, הױבט זיך און זעצט זיך.

— פּאַפּאַ! — שרײַט ער.

— זונעלע! — ענטפֿערט דער טאַטע און דרײט עפּעס אױס דעם קאָפּ.

װען דער טראַמװײ פֿאָרט אָפּ צװײ קװאַדרעס, קומט צו דער גװאַרדאַ מיט דער פּושקע, באַגריסט זיך מיט װעלװעלעס מאַמע און רײַסט אָפּ, אַ שמײכלענדיקער, צװײ בילעטן, װעלכע ער דערלאַנגט װעלװעלען:

— נאַ — זאָגט ער — באַהאַלט זײ.

װעלװעלעס מאַמע עפֿנט דעם בײטל, נעמט אַרױס צװאַנציק סענט און דערלאַנגט זײ דעם גװאַרדאַ.

װעלװעלע האַלט די בילעטן אין האַנט און קוקט מיט ברײט צעעפֿנטע אױגן אַף דער מאַמען, אַפֿן גװאַרדאַ, אַפֿן טאַטן און בידעשט זיך.

— מאַמע! מיר דאַרפֿן אױך נעמען בילעטן?

— אַװדע.

— ס׳איז נישט דעם טאַטנס טראַמװײ?

די מאַמע דרײט מיטן קאָפּ:

— נײן, זונדעלע.

װעלװעלע בלײַבט זיצן אַ װײַלע אַ שטאַרק פֿאַרװאונדערטער און מיטאַמאָל טוט ער אַ װאָרף אַװעק די בילעטן און שרײַט אױס:

— נײן! ס׳איז מײַן טאַטנס טראַמװײ! ער פֿירט אים... גיט מיר אָפּ דאָס געלט!..

װעלװעלע האָט זיך צעװײנט. אָבער אַלע פּאַסאַזשירן אין טראַמװײ האָבן געלאַכט און דער טאַטע האָט אַ װוּנק געטון צום גװאַרדאַ און ער האָט צוגעטראָגן װעלװעלען די צװאַנציק סענט און געזאָגט:

— ביסט געדעכט, יינגעלע, כ׳האָב גאָר פארגעסן, עס איז טאקע דיין טאטנס טראמוויי. נא דיר אָפּ דאָס געלט...

אָבער וועלוועלע האָט שוין נישט גענומען און איז געזעסן א גאנצן וועג און געקוקט אין גאס אריין, א טרויעריקער און א פארקלערטער...

נייע פייגל — נייע לידער

די פייגל פון קאלטנלאנד קומען איינמאָל צופליען צו זייערע ברידער אין ווארעמען לאנד. פארהאלטן זיי בא דער גרענעץ זעלנער מיט ביקסן און זאָגן:

— שטייט!

— וואָס?

— מען לאָזט נישט אריין.

לאבן זיי די פייגל און זאָגן:

— איר שפאסט...

— באָלילע — זאָגן די זעלנער — מיר שפאסן נישט, מיר האָבן אזא באפעל...

קוקן זיך די פייגל איבער דערשראָקענע.

— א באפעל!..

— אזוי איז...

— עס קען נישט זיין! שוין הונדערטער יאָרן, אז מיר קומען אהער איבערווינטערן...

— אונדזערע טאטעס האָבן דאָ איבערגעווינטערט, אונדזערע זיידעס, אונדזערע עלטער-זיידעס...

— אזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן, זייט וועלט איז וועלט!..

די פייגל טיינען מיט די זעלנער, בעטן, גיבן זיי צו פארשטיין, ווי אומגערעכט זיי זיינען, אָבער יענע ווילן נישט הערן.

— איר זיינט גערעכט — זאָגן זיי — אָבער מיר קענען אייך גאָרנישט העלפן.

— עס איז א באפעל פון אויבן.

— וואָס־זשע זאָגט איר, זאָלן מיר איצט טון, הא? — פרעגן די פייגל פארצווייפלט.

— טוט וואָס איר ווילט...

— פון אונדזערטוועגן קאָנט איר פליען צוריק אהיים...

— אָבער וואָס רעדט איר! מיר האָבן דאָרט נישט צוגעגרייט זיך קיין שפייז, קיין נעסט און וועלן אלע אומקומען פון הונגער און קעלט?..

— וועט איר...

דערהערט אזא ענטפער, ווערן א סאך פייגל בייז.

— אזוי ריידן אייגענע ברידער!..

— וואָס זיינט איר, פייגל, צי ווילד גאזלאָנים?

די זעלנער אָף דער גרענעץ לאכן.

— וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער ארייַנלאָזן אייך וועלן מיר נישט.

— אָבער פארוואָס? — פרעגן אייניקע שוין מיט טרערן אין די אויגן.

— ווייל אזוי האָט מען אונדז געהייסן.

די פייגל פון קאלטנלאנד זעען, אז זיי וועלן גאָרנישט מאכן, פארקלייבן זיי זיך אין א זייט און קלערן און טראכטן, וואָס צו טון.

— צוריק אהיים פליען קענען מיר נישט. אין אונדזער לאנד הערשן איצט פרעסט אין קעלטן און מיר האָבן דאָרט נישט קיין שפייז, קיין נעסט... א חוץ דעם, איז דער וועג א געפערלעכער און מיר וועלן אומקומען פון די שטורעמס און ווינטן...

— וואָס־זשע טוט מען?

א קליין יונג פייגעלע נעמט א וואָרט און זאָגט:

— לאָמיר זיך ארייגרייסן אין לאנד מיט געוואלד.

— טאקע אזוי. אונדזער לאנד איז די וועלט און מיר ווייסן נישט פון קיין גרענעצן — העלפט צו א צווייט פייגעלע.

די עלטערע פייגל האָבן געדרייט מיט די קעפ.

— ניין, קינדער. מען דארף גיין מיט גוטן.

— לאָמיר שיקן צום עלצטן א שעליעך און אים פרעגן: פאר־וואָס? פארוועןֿ?

די רייד פון לעצטן ווערן אָנגענומען און מען שיקט אוועק א שעליעך. קומט ער צום עלצטן פויגל פון ווארמלאנד און פרעגט:

— פארוואָס? פארוועןֿ? שטענדיק נעמט מען אונדז דאָ אויף גוט און וואויל און פלוצים...

דער עלצטער פארענטפערט זיך.

— די מייסע דערפון — זאָגט ער — איז אזוי: געווען א שלעכט יאָר, פאראן ווייניק קערנער אפן פעלד...

— מיר וועלן קיינעמס נישט נעמען, דאָס לאנד איז גרויס און מיר וועלן זיך זוכן שפייז אין אזעלכע געגנטן, וואו אייערע פייגל קומען נישט.

— יאָ — זאָגט דער עלצטער, אָבער...

— אָבער וואָס?

— מיר ווילן דאָ נישט קיין פרעמדע, איר ווייסט דאָך, נייע פייגל, נייע לידער; נייע לידער — נייע צייטן...

— איז וואָס?

— און די נייע צייטן געפעלן אונדז נישט. אויב איר ווילט מיר זאָלן אייך ארייגלאָזן, זאָגט זיך אָפּ פון אייערע לידער!..

— אָפּזאָגן זיך פון אודזערע לידער!..

— יאָ. זאָגט זיך אָפּ פון אייערע לידער וועגן די נייע צייטן.

דער שעליעך איז אוועק צו זיינע שוועסטער און ברידער, און זיי דערציילט וואָס מען פארלאנגט פון זיי און ווען די פייגל פון

קאַלטנלאַנד האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי געוואָרן בייז און אַלע אין איין קאָל האָבן זיי אויסגעשריגן:

— ניין! מיר פליען צוריק אהיים.

פון דעמאָלסט אָן זיינען די פייגל פון קאַלטנלאַנד מער נישט געפלויגן אין וואַרמלאַנד און יעדעס יאָר, ווען דער האַרבסט איז געקומען, האָבן זיי זיך אויסגעבויט וואַרעמע נעסטן, זיך פאַרזאָרגט מיט שפּייז און דאָרט לוסטיק און פריילעך פאַרבראַכט די צייט.

אין די נעסטן פלעגן די פייגל זינגען זייערע לידער און אָפט זיך דערמאַנען די געשיכטע, וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט אין וואַרמענלאַנד און שטאַרק באַדויערט זייערע דאָרטיקע ברידער.

— ניין — האָבן זיי געזאָגט — דאָס זיינען נישט קיין פייגל, נאָר וואַלד-גאַזלאָנים. די דאָזיקע אומרעכט וועלן מיר געדענקען וויפיל מיר וועלן לעבן.

איינמאָל, די זעלנער פון קאַלטנלאַנד שטייען בא דער גרענעץ, יאווועט זיך א גאַנצע מאַכנע פייגל פון וואַרמלאַנד.

— וואוהין? — פרעגן זיי די סאָלדאַטן.

— אין קאַלטנלאַנד.

— וואָסי?

— א גרויסער הונגער בא אונדז, דער היישעריק האָט אָפּגעגעסן אַלע פעלדער. לאָזט אונדז אריין.

— מען קען נישט — ענטפערן זיי די זעלנער.

— וואָס הייסט?

— אזא באַפעל.

— א באַפעל! — זאָגן די פייגל און כידעשן זיך — עס קען נישט זיין...

— מיר האָבן זיך נישט וואו אהינצוטון — בעטן זיך די פייגל.

— פליט צוריק אהיים...

— מיר וועלן דאָרטן אומקומען פון הונגער...

— וועט איר...

— אזוי ריידן אייגענע ברידער!..

די זעלנער לאכן.

— ברידער זיינט איר!

— וואָס דען זיינען מיר?

— וואלד־גאזלאָנים.

די פייגל זעען, אז די זעלנער זיינען שלעכט. קלייבן זיי אוים איינעם און שיקן אים צום עלצטן. קומט ער, דער פויגל, און טיינעט:

— סטייטש? אזוי און אזוי, מיר וועלן אויסגיין פון הונגער.

הערט דער עלצטער פויגל אוים זיינע רייד און שמייכלט.

— עמעס, טאקע א ראכמאָנעס, אָבער וואָס זאָל איך טון, א שלעכט יאָר בא אונדז, פאראן ווייניק קערנער...

— מיר וועלן אייערס נישט נעמען...

— יאָ, אָבער די מייסע איז אזוי, מיר ווילן נישט קיין פרעמדע, איר ווייסט דאָך, נייע פייגל — נייע לידער; נייע לידער — נייע צייטן...

דער שעליעך פון ווארמלאנד לאָזט אראָפּ פארשעמט דעם קאָפּ און וויל שוין אוועקגיין, אָבער דער עלצטער רופט אים צוריק:

— זאָג דיינע ברידער און שוועסטער, אז דאָס לאנד איז פאר זיי פריי און אָפן און ווער עס וויל קען אריין...

דעם טאָג איז אין קאלטנלאנד געווען א יאָנטעוו און די פייגל פון די ביידע לענדער האָבן זיך אויסגעמישט צוזאמען און געפרייט זיך, געזונגען און ווידער איז געשלאָסן געוואָרן א בונד צווישן די ביידע לענדער און עס איז פייערלעך דערקלערט געוואָרן:

— אלע פייגל זיינען ברידער.

— ניטאָ קיין גרענעצן. יעדער פליט פראנק און פריי וואוהין ער וויל.

— אונדזער לאנד איז די וועלט...

— אונדזער ליד איז אייער ליד און אייער ליד איז אונדזער ליד.

אזוי איז ווידער געשלאָסן געוואָרן די גוטברודערשאפט פון די פייגל פון קאלטנלאנד מיט די פייגל פון ווארמלאנד.

דעם פויערס סאָלדאטן

א פויער ארבעט מיט ווייב און קינד אפן פעלד: אקערט, בראָנעוועט און זייעט. און אז עס קומט די צייט פון שניט, ער נעמט אראָפּ די טוואוע פון פעלד, צעמאָלט זי און באקט אָפּ אביסל ברויט, קלאפּט מען אָן אין טיר.

— ווער איז? — פרעגט דער פויער.

— עפן. דאָס בין איך, דער פּאָרעץ.

— וואָס ווילסטו?

— א כיילעק ברויט.

— פארוואָס קומט עס דיר — פרעגט דער פויער פארכידעשט — האָסט מיר געהאָלפן אקערן, זייען, צי שניידן?

— ניין.

— וואָדען?

— די ערד איז מיינע.

— וואָס הייסט דיינע? האָסט זי געבראכט צוטראָגן אף די פּלייצעס?

— זי האָט געהערט צו מיין טאטן.

— און דיין טאטע וואו האָט זי גענומען?

דער פּאָרעץ ווערט בייז:

— איך האָב נישט קיין צייט, פויערל, זיך אויסצוטיינען מיט דיר. גיב מיר מיין כיילעק און לאָמיר גיין צו אנדערע.

— און אז נישט?

— אז נישט וועל איך גיין צום קייסער, שיקט ער זיינע סאָלדאטן און זיי זעצן דיך איין.

הערט דער פויער, אז מען קען אים נאָך איינזעצן אויך, גיט ער דעם פּאָרעץ א ברויט און זאָגט:

— קומען, קומט דיר נישט, אָבער...

ווען דער פּאַרעץ גייט אוועק און דער פּויער וויל זיך שוין זעצן צום טיש, קלאַפּט מען ווידער אין טיר.

— ווער איז?

— עפּן, ס'איז דער קייסער.

— וואָס ווילסטו?

— האָסט אַראָפּגענומען ברויט פון פעלד, וויל איך א כיילעק.

— פאַרוואָס קומט דיר א כיילעק, — האָסט מיר געהאָלפן אַקערן, בראָנעווען, זייען, צי גאָר שניידן?

— ניין.

— איז עפּשער די ערד דיינע?

— געוויס.

— אויב אַזוי קייסערשי, גיי, זיי מויכל, צום פּאַרעץ, ער האָט שוין בא מיר אויסגענאַרט דיין כיילעק.

— וואָסי?

— ער האָט געזאָגט — די ערד איז זיינע.

דער קייסער שמייכלט.

— די ערד איז טאַקע דעם פּאַרעצס, אָבער אַלץ וואָס דער פּאַרעץ האָט, געהערט צום קייסער...

— האָט די ערד צוויי באַלעבאַטים?

— צוויי.

דער פּויער טוט א זיפץ און גיט דעם קייסער א ברויט.

— עס איז ווייניק, פּויערל, — זאָגט דער קייסער — איך האָב היינט אַסאַך גענעראַלן, אַסאַך אָפיצירן און סאָלדאַטן...

— וואָס עפּעס?

— מיר האָבן אַסאַך סאָנים.

דער פּויער לאַכט.

— גיי שוין, גיי, עפּשער האָסטו אַסאַך סאָנים, איך נישט... נאָר, נאַ דיר א ברויט און לאָמיר זיך נישט קריגן.

— ניין. דו מוזט מיר געבן צען ברויטן.

— עפּשער וועט זיין גענוג דריי?

— ניין.

— עפּשער פינף?

— נאָר צען.

— אָבער וואָס רעדסטו קייסער, איך וועל דאָך האָבן ווייניק פאר ווייב און קינדער?

דער קייסער ווערט שוין בייז.

— דינג זיך נישט, ווייל איך טו א שיק מיינע זעלנער, מאכן זיי פון דיר אש און ערד.

— וואָס הייסטו דו וועסט זיי שיקן. סאיז עפּעס דיינע זעלנער?

— געוויס, מיינע.

— אויב אזוי, וואָס-זשע דארף איך זיי געבן עסן?

— ווייל אזוי וויל איך...

דער פויער זעט, אז ער האָט קיין ברייררע נישט, גיט ער דעם קייסער צען ברויט און זאָגט:

— קומען קומט דיר נישט, אָבער...

ווי נאָר דער קייסער איז ארויס, האָט ווידער עמעצער אָנגע־קלאפּט אין טיר.

— ווער איז?

— עפן, ס'איז איך, דער גאלעך.

— וואָס ווילסטו?

— האָסט אראָפּגענומען ברויט פון פעלד, וויל איך א כיילעק.

— פארוואָס קומט דיר א כיילעק — פרעגט דער פויער פאר־כידעשט — האָסט מיר געהאָלפן אקערן, זייען, צי שניידן?

— ניין...

— איז עפּשער די ערד דיינע?

— געוויס...

— אויב אזוי, גיי, זיי מויכל, צום פאָרעץ און צום קייסער, זיי האָבן צוגענומען דיין כיילעק.

— ווי אזוי?

— זיי האָבן מיך אָפּגענארט, געזאָגט, אז די ערד איז זייערע...

דער גאלעך שמייכלט.

— ניין. זיי האָבן דיך נישט אָפּגענארט, אָבער אלץ וואָס דער פּאַרעץ און דער קייסער האָט, געהערט פריער פון אלץ צו גאָט.

— האָט הייסט עס די ערד דריי באלעבאטים?

— דריי.

דער פּויער גיט דעם גאלעך א ברויטל, אָבער ער דרייט מיטן קאָפּ.

— ס'איז ווייניק, פּויערל.

— וויפיל ווילסטו?

— צען ברויטן...

דער פּויער כאפּט זיך פארן קאָפּ.

— וואָס רעדסטו! עס וועט דאָך מיר גאָרנישט בלייבן פאר ווייב און קינדער. א כוץ דעם, פארשטיי איך נישט פארוואָס קומט גאָט א ביילעך, הא? ער האָט מיך געהאָלפן אקערן, זייען, שניידן?

— געווים, פּויערל, ער האָט דיר געגעבן קויעך צו דער ארבעט, געשיקט רעגן צו דער צייט, געבענטשט די טוואוע אין פעלד.

— גוט. זאָל זיין אזוי. אָבער וואָס דארף גאָט אזוי פיל ברויט. ער האָט דען גענעראלן, אָפיצירן, סאָלדאטן?

— זיינע גענעראלן און אָפיצירן זיינען מיר, זיינע דינער...

— אָבער איך פארשטיי נישט, פארוואָס דארפן מיר געבן זיינע דינער צו עסן?

דער גאלעך ווערט בייז.

— רייד נישט קיין סאך, איך דערצייל דעם קייסער...

דער פּויער זעט, אז עס איז שלעכט, גיט ער דעם גאלעך צען ברויטן און זאָגט:

— קומען קומט דיר נישט, אָבער...

אין א קורצער צייט ארום, האָט באם פּויער אין שטוב אויס־געפעלט ברויט און זיינע זין זיינען געקומען און געפרעגט:

— טאטע, וואו איז אונדזער ברויט?

— אונדזער ברויט איז באם פּאַרעץ, באם קייסער און באם גאַלעך.

— וואָס עפּעס?

— אזוי.

— זיי האָבן אונדז געהאָלפן אקערן, זייען, שניידן?

— ניין, אָבער זיי האָבן סאָלדאטן...

— און מיר האָבן נישט קיין סאָלדאטן?

— כ׳ווייס — קראצט זיך דער פויער אין קאָפּ — דוכט זיך, אז נישט.

— און וואָס זיינען מיר, שטעקנס? דרענגער?

דער פויער האָט א קוק געטון אף זיינע שטארקע, ברייטפּלייציקע קינדער און עס איז אים געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.

— איר זיינט כ׳לעבן גערעכט.

— אנו, טאטע, טו נאָר א קאָמאנדעווע דיינע סאָלדאטן — האָבן אים די זין געזאָגט.

— אין א ריי! — האָט דער פויער אויסגעשריגן מיט פרייד.

די זין האָבן זיך אלע אויסגעשטעלט אין דער רייע.

— גלייך שטיין!

די זין האָבן זיך אויסגעצויגן ווי סטרונעלעך.

— מארש!

— וואוהין? — האָבן די זין געפרעגט.

— צום פּאַרעץ, צום קייסער, צום גאַלעך.

— נאָך וואָס?

— זאָלן זיי אונדז אָפּגעבן אונדזער ברויט.

— הורא! — האָבן די זין אויסגעשריגן און זיך געלאָזט מיטן טאטן פאָרויס מארשירן אין שטאָט אריין.

אינהאלט:

1) פעטער סימכעס שפּאַסערייען — — — — — — — — 3
2) פעטער סימכעס דיריזשיבלען — — — — — — — — 6
3) די לעוואָנע האָט פארבלאָנדזשעט — — — — — — — 9
4) צוגעגאנוועט דעם טייך — — — — — — — — — 11
5) פעטער סימכעס געבורטסטאָג — — — — — — — — 14
6) די זון איז מיט מיר ברויגעז געוואָרן — — — — — — 16
7) ווען איך וועל געזונט ווערן — — — — — — — — 19
8) מיט דער זון אַף א שפּאציר — — — — — — — — 22
9) א רעגן אַף פּאָסט — — — — — — — — — — — 25
10) פארביטן די בילעטן — — — — — — — — — — 27
11) באזאלצן דעם יאם — — — — — — — — — — 31
12) פון א פליג — א העלפאנט — — — — — — — — 34
13) דער פארשלאָפענער וועכטער — — — — — — — — 39
14) דער וועכטער וואָס איז אַף לייטיש געלעכטער — — — 41
15) דער העלדישער וועכטער זימל — — — — — — — — 45
16) דער פילם ענדיקט זיך נישט — — — — — — — — 48
17) ארעלע נארעלע — — — — — — — — — — — — 55
18) ארעלע וויל אן אנדער נאָמען — — — — — — — — 59
19) ארעלע לאָזט זיך נישט אָפּנארן — — — — — — — 64
20) ער וויל אן עראָפּלאָן — — — — — — — — — — 68
21) דער פארשלאָפענער העלפאנט — — — — — — — — 73
22) דאָס קינד און דער ווינט — — — — — — — — — 76
23) דעם טאטנס בריוועלע — — — — — — — — — — 80
24) כאנעלע לערנט זיך יידיש — — — — — — — — — 84
25) פרילינג אין לאנד — — — — — — — — — — — 87
26) כייעלעס לערערקע — — — — — — — — — — — 90
27) דאָס מיידעלע וואָס האָט ליב געהאט די זון — — — — 94
28) ווען די טאטעס קומען פון דער ארבעט — — — — — 99
29) א צייגנדעלע קלאפט אין טיר — — — — — — — — 103
30) דער טרוקענער רעגן — — — — — — — — — — 105
31) דאָס מיידעלע וואָס האָט גערעדט אנדערש — — — — 108
32) דעם טאטנס טראמוויי — — — — — — — — — — 111
33) נייע פייגל — נייע לידער — — — — — — — — 117
34) דעם פויערס סאָלדאטן — — — — — — — — — 122

פרעמדע ווערטער

קוואדרע — בלאָק.
גווארדא — קאָנדוקטאָר.
אלמאסען — שפּייז־קראָם.
סקינע — ראָג.
מוי ביען — זייער גוט.
נאדא — גאָרנישט.
גראסיאם — א דאנק.
קאָלעקטיוועס — מיקראָ־אָמניבוסן.
פלאסע מאזשאָ — מאי־פּלאַץ.
פלאסע איטאליא — איטאליענישער פּלאַץ.
וויסענטע לאָפּעז אַליוואָס — שטעטלעך נעבן בוענאָס איירעס
ווישילאנטע — פּאָליציאַנט.
מערקאדע — מארק־פּלאַץ.
פּעלאָטע — פּילקע.

פון זעלבן אויטאָר דערשינען:

פון אלע זיבן זאכן

36 מייסעלעך — 1.50 $

א ליכטיקע וועלט

31 מייסעלעך — 1.50 $

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן צו אלע אידישע בוכהאנדלונגען
און אויך צום מעכאבער אף פאָלגנדן אדרעס:
Litman Geltman — Castelli 360, Buenos Aires

עס גרייט זיך צום דרוק:

טעאטער פאר קינדער

איינאקטערס, סצענקעס, בילדער און שפּאסערייען.